STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03120

DOR UN DOYER

Binem Heller

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בינם העלער

דור און דויער

פאַרלאַג „ה מ נ ו ר ה" תל־אביב
תשכ"ז — 1967

BINEM HELER / DOR UN DOIER

בינם העלער / דור און דויער

©

ביכער־פאַרלאַג „המנורה״ רח׳ זנגביל 24,
תל־אביב, ישראל

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער מיטהילף פון עליזאַבעט
און ווילי שאָר־פאָנד בײַם יידישן שרײַבער־פאַראײן אין ישראל

נדפס בישראל תשכ״ז
Printed in Israel 1967

דפוס לינר־טור, רח׳ יסוד־המעלה 39, תל־אביב

מײַן ליבן פֿרײַנד
ישעיה שפּיגל —
בינעם העלער
תל־אָביב, אַפּריל 1970

פון לעצטן דויער

מײַן װידערשפּעניקער קאָפּ

מײַן װידערשפּעניקער קאָפּ,
מיט דיר כ׳בין נישט זיכער.
איך מײן, אַז דו בײגסט זיך אַראָפּ —
און דו שפּאַנסט זיך אַן קעגן װיכער.
די מוסקלען אָנגעצױגן
אױף דורכצובּרעכן די שרעק
מיט אָפענע אױגן.

און איך
בין דאָך װײַט שױן אַװעק!
מײַן שװעסטער איז געװאָרן צו אַש,
מײַן ברודער איז געװאָרן צו שטױב,
מײַן מאַמע איז געװאָרן פאַרברענט,
נאָר מיך טראָגט זי נאָך אױף די הענט
אין אַ װאַרשעװער הױף.

איך בין שױן כמעט אַזױ אַלט,
װי זי, װען מען האָט זי פאַרגאַזט.
אַלץ נאָענטער װערט איר געשטאַלט —
זי איז שױן פאַר מיר װי געפּאַסט.
צי דאַרף איך,
װי זי,
אַװעק מיטן רױך —
אין דער שטיל,
אין דער הױך?

מײַן װידערשפּעניקער קאָפּ.

קדיש

דער פרילינג-ווינט האָט מער נישט וואָס צו זאָגן —
די טויטע זענען טהור און ווײַסבייניק,
און זייער ייִדיש איז אויף קדיש זאָגן —
דאָס לשון-קודש איז געוועזן שוין ווייניק.

די ביימער נעמען זיך אין גרינס פֿאַרהילן,
די ווײַסל אויסגעפּוצט איז אויף שבֿועות,
נאָר אַלע עכאָס פֿון די פּוסטע שילן
פֿאַרהילכן, אַז דער יום-טובֿ איז אַ טעות.

דורך גאַסן, אויסגעפּלאַסטערטע מיט שטיינער
פֿון די בית-עלמינס, שפּאַנען די יחידים.
אין יעדן שטעטל ווױנט אַזאַ באַוווינער
פֿון אַלע אויסגעמאָרדעוועטע ייִדן.

ער צינדט אַ ליכטל אָן נאָך יעדן איינעם,
דערמאָנט מיט פֿאָרכט אַ נאָמען נאָך אַ נאָמען.
ער קוקט זיך אום, און ער דערזעט נישט קיינעם —
ער ענטפֿערט זיך אַליין: ונאמר אמן!

דײַן לעצטער דויער

דער הימל טוט זיך אָן אין בלאָען טרויער,
פאַרווײנטע שטייען אויף די אינדערפריִען,
די עפּל און די פלומען ווערן זויער,
די רויטע בלומען ווילן מער נישט בליִען.

איך קוק זיך אײַן אין יעדן אײנעמס אויגן,
צי שפּיגלט זיך אין זיי נישט דאָס פאַרברעכן.
די ווערטער ווערן ווידער אָפּגעווויגן,
איך שאַץ אויף ס׳נײַ זיי איבער און באַרעכן.

די אויסגעשטרעקטע הענט איך הייב אָן פאָרשן:
דער ריח איז אַ בלוטיקער און שלעכטער.
כאָטש אויסגעוואַקסן איז אַ צווייטער דור שוין
פון בלאָנדע זין און שמייכלענדיקע טעכטער...

די זומערדיקע זון האָט אונדז פאַרראָטן,
דער ווינטערדיקער שניי האָט אויסגעגעבן,
און נאָכגעגאַנגען איז אונדז יעדער שאָטן —
צו זוכן און צו מסרן דאָס לעבן.

שאָפּען! מיר דאַכט זיך, אַז דו האָסט געשריבן
פאַר שטאַרבנדיקע ייִדן די נאָקטורן.
פון אַלטן פּוילן זענען נישט געבליבן
קיין אַנדערע, קיין לעבעדיקע שפּורן.

איך הער זיך אײַן: דאָס איז דײַן לעצטער דויער.
אין אומפאַרשטענדלעכקייט דו ווערסט פאַרפאַלן.
דו ענדיקסט זיך, ווי קדיש און באַדויער,
אויף די קאָנצערטן אין די שיינע זאַלן.

די אַלטע יאָדלע

דורך בלעטער געלע פון אַזוי פיל יאָרן,
דורך צווײַגן, אויסגעוווייקטע אינעם רעגן —
איך גיי צום קליינעם שטיבל אויפן גאָרן,
און דאַרף זיך אויפן וועג אַהין נישט פרעגן.

אין פענצטער קוקט אַרײַן די אַלטע יאָדלע,
זי איז מיט צוואַנציק יאָר געוואָרן דיקער,
נאָר יעדן פרילינג האָט זי אירע נאָדלען
אויף ס׳נײַ געשאַרפט — געוואַרט אויף מײַן צוריקקער.

אָט בין איך דאָ. דער אַראָמאַט איז שאַרפער
ווי פריִער נאָך, מיר דוכט זיך — פון מײַן בענקען.
דאָס גאַנצע דאָברע מזל איז פאַרשאַרפעט,
געבליבן איז נישט מער, ווי דאָס געדענקען.

און דאָס געדענקען איז, ווי יענער ריח —
אָן דעם וועל איך שוין גאָרנישט נישט דערקענען.
בײַם פענצטער אין דעם קליינעם שטיבל שטיי איך
און זע: די יאָדלע הייבט שוין אָן צו ברענען.

לא המתים

ער שרײַבט נישט מער. פֿאַר װעמען װעט ער שרײַבן?
דער טױט האָט זײַנע ייִדן צוגענומען.
זײ װעלן שױן די װערטער נישט באַלײַבן,
נישט פּרוּװן זײער טעם אױף צונג און גומען.

און זײַן אַמאָליק ליד איז װי אַ לײטער,
װאָס שפּאַרט זיך אָן אין גאַרנישט — אינעם הימל.
אַרױף־צו איבער אַלע סטראָפֿן גײט ער,
נאָר פֿון דערגרײכן זעט ער נישט קײן סימן.

ער חלומט און ער הערט אױם אַלע שבחים
פֿון מענטשן, װאָס פֿאַרשטײען נישט זײַן לשון.
זײ פּרוּװן צו פֿאַרשענערן די בראָך אים,
זײ טרײסטן אים, און װײַזן אים אַ גראָשן.

נאָר ער בלײבט הענגען אין דער װײַט דער פּוסטער,
און אים פֿאַרפֿעלן װערטער אױף צו שרײַען,
אַז בעסער בלײַבן איז אַן אומבאַװוּסטער,
און נישט צו הערן אָט די רימערײַען.

װײל לא המתים — נישט די טױטע לױבן,
און זײַנע ייִדן װעלן נישט דערהערן,
און אײדער ער װעט אױפֿלעבן די שטױבן —
װעט ער אַלײן שױן אױך צו זײ געהערן.

פון בונקער

מיר ווע̇לן אויך צו דעם זיך צוגעוויינען —
צו שרײַבן אויף אַ נישט־גערעדטער שפּראַך,
און מענטשן וועלן פרייען זיך און וויינען,
און וועלן נישט פאַרשטיין דערפון קיין סך.
מיר וועלן שרײַבן פאַר דעם איבערזעצער —
בלויז ער וועט לייענען נאָך אונדזער שריפט,
און נישט אין דרוקעריי דער ליבער זעצער —
אין אירע דראָבנע אותיות פאַרטיפט.
מיר וועלן לעבן אין די פרעמדע שפּראַכן,
נאָר זײַן וועט דאָס אַ לעבן אין דער פרעמד,
און קלינגען וועט דאָס וויינען און דאָס לאַכן —
פאַרדישעט, ווי אַ ביסעלע פאַרשעמט.

און דעמאָלט וועט זיך עפענען אַ בונקער
אין פּוילן, ערגעץ־ווו דאָרט, אין אַ וואַלד,
און אויסגעבלייכט פון פינצטערניש און הונגער,
אַרויסגיין וועט אַ זעלטענע געשטאַלט —
אַ ייִד, וואָס האָט ביז איצטער זיך באַהאַלטן,
און האָט נאָך וועגן שלום נישט געהערט —
און ער וועט מיט די ייִדישע געוואַלטן
אַ טרייסל טאָן די רשעותדיקע ערד.

אויפֿן פּראַגער בית־עולם

אַנשטאָט דער צעשטויבטער מצבה פֿון מײַן טאַטן
נח ב״ר נחמן ז״ל

א

איך ווייס שוין נישט וווּ לעבן און וווּ טויט,
איך ווייס שוין נישט וואָס חלום און וואָס וואָר איז.
אַוועקגענומען האָט מען דאָ דעם פּלויט,
וואָס צוימט אָפּ פֿון דער ערד — דאָס בית־הקברות.

די מתים זענען פֿרײַ פֿון זייער רו,
דערלויבט איז זיי אַרויסגיין פֿון די קברים.
זיי וואַנדערן אַרום פֿון וווּ צו וווּ,
און אויסגעמישט צוזאַמען — רײַך און אָרעם.

זיי וואָגלען אין דעם אויסגעברענטן לאַנד
און זוכן דאָרט אַרום דעם ק ב ר ־ ב נ י ם,
וואָס איז נאָך אַלץ געבליבן אומבאַקאַנט —
די אָבות קאָנען מער נישט רוען אָן אים.

ב

אַזאַ ווי דו מוז בלײַבן אַ פאַרגעסענער
פון גרויסע ווערטער און פון מאָנומענטן.
דו ביסט דער אומבאַקאַנטער אַלטגעזעסענער
אויף זביטקעווערס בית-עולם דעם געשענדטן.

איך האָב געזוכט דײַן וואָרט דאָס פאַרשפּראָכענע,
געזוכט דײַן נאָמען צווישן שטעגלעך שמאָלע.
געפונען האָב איך אותיות צעבראָכענע,
וואָס האָבן אויסגעשטעלט זיך אין אַ קללה.

און איך האָב דיך געלאָזן מיט די אַנדערע,
צו ליגן אַנאָנים, אָן אַ „פּה נטמן".
אַנשטאָט אַ קדיש פאַר דעם טויטן וואַנדערער —
איך זוך אַ ליד מיט שעלטנדיקע ריטמען.

אותיות פורחות

זיי קומען איבער טריקעניש און ים —
די אותיות, די הייליקע, וואָס שוועבן.
אַרויסגעראַטעוועטע פונעם פלאַם —
זיי בענקען צו די ייִדן און צום לעבן.
נאָך בולטער געוואָרן איז דאָס כתב
אויף די יריעות פונעם אַלטן פאַרמעט,
ווי גאָט אַליין וואָלט ערב דעם באַשאַף
מיט פײַער זיי געכתיבהט און געשׂרפעט.
דער ערשטער לויפט דער וויכטיקסטער געבאָט —
די קורצע זילבן דרײַ פון דעם ל א ת ר צ ח.
זיי זידן איצט פון צאָרן און פון שפאָט,
און ייִדיש בלוט פון זייער פײַער שפירט זיך.
געהאַלטן האָט זיי אין די טמא הענט
נישט איין מאָל שוין אַ שענדער און אַ גזלן,
נאָר וויפל מאָל מען האָט זיי נישט געשענדט,
וועט גאָט אַליין זיי אויך נישט קאָנען פסלען.
דאָס איז זײַן ווערק פון ליבע און פון שרעק,
ווי יעדעס וואָרט ערשטמאָליק איז און הייליק,
און אויב אַן אות פון דאָרט איז אָפגעמעקט —
האָט ער אין אָט דעם פסול דעם גרעסטן חלק.

אַ נאַכט אין ווענעציע

מײַן ברודער ישראל

פאַר וואָס גייט מיר נאָך איצט פאַרעקשנט מײַן ברודער ישראל? —
איך פיל אָן אַן אויפהער אויף זיך זײַנע אויגן די בלאָע.

אויף אַלע באַזוכן אין הונדערט פּאַלאַצן און קלויסטערס —
די סאַמע געהיימסטע פאַרבאָרגענע זאַכן אַנטבלויזט ער.

אַ דײַטש האָט אַ מאָל אים פון בריסל געפירט קיין אָשוויענטשים.
דער דײַטש האָט געמיינט, אַז ער האָט אים אויף אייביק פאַרברענט
שוין.

— — — — — — — — — — — — — —

איך פאָר פון אַ חתונה איצט. אין די זאַלן די העלע
געשפּילט האָט צום טאַנץ אַ געניטע מאָדערנע קאַפּעליע.

געפירט צו דער חופה מען האָט די געראָטענע כלה —
מײַן ברודערס מיזינקע, די ליבסטע און שענסטע פון אַלע.

נאָר פּלוצלונג, אין מיטן פון מאַרש און אין סאַמע גערודער,
דערזען האָט די כלה אין מיר גאָר איר פאָטער — מײַן ברודער.

מען האָט שוין פאַרענדיקט די סעודה, געהאַלטן בײַם בענטשן —
און איך בין געווען דער מחותן, וואָס קומט פון אָשוויענטשים.

— — — — — — — — — — — — — —

פון דעמאָלט אָן קאָן ער זיך מער שוין מיט מיר נישט צעשיידן,
און אַלץ, וואָס איך טו נאָר, טו איך איצט אין נאָמען פון ביידן.

און דאָרט ווו דערגריין און דערגרייכן עס קאָנען נאָר גײַסטער —
איז ער דער שליח, און אַלע גבורות באַוויַיזט ער.

און ער איז דער שטאַרקער: פּאַלאַצן און אינדזלען פאַרגיסט ער —
און ער קאָן פאַרוואַנדלען דאָס אַלץ אין אַ שטאָט אַ פאַרוויסטער.

צוויי קנעכט קלאַפּן אוים דאָ די קריסטלעכע שעהען,
און איך בין אַ „יודע פּאָם אָסטען״.
איך בין דאָ געקומען די שטאָט צו באַדראָען —
מיך האָט מען געשיקט אויפן פּאָסטן.

באַלד וועל איך אַרוים אויפן קלויסטערשן גאַנעק
און זאָגן אַ שפּרוך פאַר די טויבן,
אַ בשׂורה: אָט איז ער, דער ייִד פון מיידאַנעק,
דער ייִד פון די אַשן און שטויבן.

און דעמאָלט וועט שלאָגן די שעה פון דער אימה,
און זינקען די ערד וועט צו תהומען.
ווענעציע, די שטאָט מיט די דורכגענג געהיימע,
וועט בלײַבן נישט מער ווי אַ נאָמען.

דאָס וואַסער פאַרגיסן וועט אַלע די גלאָקן,
זיי וועלן מיך מער שוין נישט שרעקן.
די פײַערן העלע, ווי געל־רויטע פּאָקן —
וועט שליים פונעם חושך פאַרדעקן.

איך האָב זיי געזען אין די קלויסטערס פון אַלטן ווענעדיק,
איך האָב זיי געהערט אויפן פּלאַץ פונעם הייליקן מאַרקאָ —
די דײַטשן, וואָס זענען געוואָרן באַזיגט און באַגנעדיקט,
און אין דער באַזיגטקייט — זיי זענען געבליבן די שטאַרקע.

איך האָב זיי דערקענט אין די פרידלעך-ציווילע מלבושים:
עסעסלײַט אויף אורלויב, וואָס לאָזן פון גידן זיך פירן.
איך האָב זיי דערפילט מיט די שאַרפע און יִדישע חושים,
דערזען זיי צוריק אין די שרעקלעכע היטלער-מונדירן.

זיי פלייצן אין לוווּר, אויף די ברייטע פּאַריזער בולוואַרן,
זיי ווערן אין האָלאַנד אַנטציקט פון די פלעמישע מײַסטערס.
זיי פרוּוון שוין ווידער אייראָפּעס נאַראָנים פאַרנאַרן —
דאָס מאָל מיט דער הילף פון די פולע צעעפנטע טײַסטערס.

פרעמיערן און קעלנערס פאַרנייגן פאַר זיי זיך אין דרײַען.
די פרויען באַהאַנדלען זיי גוט אין די שיינע האָטעלן.
באַלד וועלן קיין קורוועס פאַר זיי אין אייראָפּע נישט סטײַען —
אויף יאָרן פאַרויס וועט מען מוזן אַ ריי זיך באַשטעלן.

אין יענע טעג,
בײַם ליכט פֿון ברענענדיקן געטאָ,
בײַ די רויכן פֿון אוישוויצער קוימענס,
האָב איך דערקלערט אַ קריג,
אַן אײביקן קריג,
דעם דײַטשישן פֿאָלק.

נישט דורך ראַדיאָ האָב איך אים געמאָלדן,
נישט אויף פּלאַקאַטן אין שטעט —
מײַן יעדער קלאַפּ פֿונעם האַרץ
האָט געפּויקט אויף נקמה.

מיט ייִדישע ברכות
האָב איך געבענטשט דעם רוסישן באַגנעט,
מיט קללות פֿון דער תּוכחה —
געשאָלטן דעם דײַטשישן מין.

מײַן באַפֿעלער איז געווען דער צאָרן,
און ווי שמעון ולוי אויף שכם —
בין איך מיט מרדכי אַניעלעוויטש
אַוועק אויף דײַטשלאַנד:
צו נעמען די שטעט אין אַ קלעם,
צו לאָזן די קינדער אָן ברויט,
צו טרעטן די געצן אין קירכעס,
צו שטעלן די דײַטשן אין רייען,
און יאָגן מיט קנוט און געשרייען:
— ש נ ע ל ע ר!!!

עפנט זיך, הימלען, און לאָמיך דערהערן דאָס ברומען
פון יענע אַוויאָנען, וואָס טראָגן זיך איצט, ווי די בליצן!
דאָס וואָרט אין מײַן מויל איז אַ שבועה: אָ, זאָלן זיי קומען,
די יִדישע פליִער, קיין אוישוויץ! און אויב אויף באַשיצן
איז שפּעט שוין, אויב אומקומען מוז שוין מײַן ברודער ישראל —
טאָ זאָל ער באַוויַיזן, נאָך איידער ער שטאַרבט, צו דערהערן
די מעכטיקע שטים פון נקמה — דעם רויש און דאָס דראָען,
און זאָל ער דערזען פון דער הייך דעם זעקסעקיקן שטערן!

אויף צוויי מאָל נאָך שנעלער פון קול,
אויף דריי מאָל נאָך שנעלער.
נאָך ליַיכטער פון לופט ווערט דער שטאָל,
און העלער פון הימל, נאָך העלער.
אַ רגע פאַרשלינגט שוין אַ שעה,
און זע, מיַין געשריי וועט פאַרשווינדן:
אָט ווערט ער, אָט איז ער נישטאָ —
און ליידיקע פאַלן די ווינטן.

איין קול בלויז איז שווער צו דעריאָגן,
אוממעגלעך אַריבערצושריַיען.
מען הערט עס פון טאָגן ביז טאָגן,
מען קען זיך דערפון נישט באַפריַיען:
דער קרעכץ פון מײַן ברודער אין אוישוויץ
לויפט אַלץ נאָך פאָרויס אין די רוימען.
זיַין שטילקייט איז שווער צו פאַררוישן,
זיַין שנעלקייט איז שווער צו פאַרצוימען.

צוריק אין דער צייט קאָן נישט פליִען דער העלדישסטער פליִער.
איך ווייס, צו מיַין ברודער אין אוישוויץ וועט קיינער נישט גרייכן.
די רויכן — זיי וועלן זיך ציִען צום הימל, ווי פריִער —
אַזוי ווי אַ קראַטער געשפּיגן וואָלט זיי צו די הייכן.

די לופֿט אין קאַנאַל שמעקט מיט סמאַרעס און סמאָלעס,
מיט ביר און מוזיק פֿון קאַפֿעען.
עס פֿאָרן אַרום שוין די פּרוכנע גאָנדאָלעס
מיט פֿאַרטיקע ליבע־טראָפּעען.

די טויבן, די שטילע און טובערקולאָזע,
באַהאַלטן זיך אין די קאַרניזן,
און שווידערן אָפּ זייער נאַכט ביי דער פּאָזע
פֿון שטיינערנע ריטער און ריזן.

אין דאָזשן־פּאַלאַץ, אין די פֿינצטערע זאַלן,
זיי גייען אַראָפּ פֿון סופּיטן,
און ראַנגלען זיך ווידער מיט שווערדן און שפּאַלן,
און בלייַבן פֿאַרגליווערט אין מיטן.

און אונטן, אין קאַפֿע, איז רויִשיק און ליכטיק —
דאָרט זיצן די לויטע פֿון פּרייַסן.
זיי זויפֿן און פֿרעסן אָן אויפֿהער און טיכטיק,
און לאַכן — די שטילקייט זיי רייַסן.

זיי צאָלן. זיי האָבן די רעכט שוין צו שטערן
דעם שלאָף פֿונעם הייליקן מאַרקאָ.
זיי צאָלן פֿאַר ביר, און פֿאַר בלוט, און פֿאַר טרערן —
מיט דרעקישע דייַטשישע מאַרקן.

ווי גוט וואָלט געווען, ווען עס זאָל איצט אַ שאָל טאָן
הירש גליקס פּאַרטיזאַנישער הימען,
וואָס זאָל אָט דאָס פּרעכע געלעכטער פֿאַרהאַלטן,
דערווערגן די דייַטשישע שטימען.

דאָס וואַסער שטײַגט

קום שנעלער, טײַערע, אַנטלויף,
דאָס וואַסער שטײַגט מיט יעדער שעה.
אַ ווײַלע, און דער דאָזשן־הויף
ווערט אָפּגעווישט, און איז נישטאָ.

די הײַזער זינקען אײַן אין שליים,
אַט ווערט פאַרפּלייצט שוין דער באַלקאָן,
און אומבאַמערקטערהייט, געהיים,
באַווײַזט זיך דאָרט די שוואַרצע פאָן.

און עמעצער פון הינטער איר
הייבט אָן צו שרײַען אָן אַ שטים:
נאָך אים האָט זיך פאַרהאַקט די טיר
אויף יענער זייט — אין אָשוויענטשים.

נאָר זע, ווי אַלץ איז אײַנגעהערט,
אַן אימה אַלעמען באַפאַלט.
דאָס וואַסער שטײַגט, פאַרנעמט די ערד
ביז צו דעם האַלדז פון דער געשטאַלט.

קום שנעלער! דאָרט, אויף יענער זײַט,
אַ שיף דאַרף אָפּגיין מיט געזאַנג.
דו הערסט נישט ווי מײַן ברודער שרײַט?
ער שעלט די שטאָט אויף אונטערגאַנג.

יוני 1962 — אָקטאָבער 1965

זי וואַרט

זי וואַרט אויף אים, זי הערט נישט אויף צו וואַרטן —
פון אוישוויץ איז מען אויך צוריקגעקומען.
זי זוכט אים אַ באַגערטן און געגאַרטן
אין אַלע ווײַטענישן און אַרומען.
אַ יאָר, און צוויי, און ווײַטער — יאָרן, יאָרן,
און זי געדענקט נישט מער, ווי בלויז דעם נעכטן,
בלויז יענעם טאָג, ווען ער איז אָפּגעפאָרן —
דעם טאָג, וואָס חזרט איבער זיך צום שלעכטן.

און קומט די נאַכט — פאַררוקט זי נישט דעם ריגל.
זי הערט זיך אײַן: איר דוכט זיך, אַז ער גייט שוין.
און פאַרן שלאָפנגיין זי שטייט אין שפּיגל
און איז נישט מודה זיך אין אירע קנייטשן.
זי קלערט נישט, אַז זי וועט אים נישט געפעלן,
און זי דערזעט איצט ווידער ווי אַ מאָל אים,
אַזאַ, וואָס ווערט נישט מיד פון זי צו וועלן —
און זי נעמט אײַן דעם גיפט פון שיינעם חלום.

אַ פענצטער

לויפנדיקער קרײַז

אָ ערד, איך דראַפּע זיך כּסדר אַרום דײַן קײַלעך,
אַזוי ווי אויף אַ לויפנדיקן קרײַז.
מיט שרעק און מיט פֿאַרכאַפּטן אָטעם אײַל איך —
און בלײַבן אויפֿן אָרט בלויז איך באַווײַז.

די ימען זענען בייגעוודיק און וועליק,
די בערג — באַדעקט מיט שנייען און מיט אײַז.
איך מי זיך — נישט צו בלײַבן הינטערשטעליק —
און בלײַבן אויפֿן אָרט בלויז איך באַווײַז.

איך גיי פֿאָרויס. דאָס ראָד לויפֿט מיר אַנטקעגן.
איך גיי דעם לאַנגן וועג פֿון קינד ביז גרײַז.
איך ברעך אַדורך אַזוי פֿיל ווינט און רעגן —
און בלײַבן אויפֿן אָרט בלויז איך באַווײַז.

ווי לאַנג וועט סטײַען אויסדויער און כּוח
צו האַלטן זיך אין לויפֿנדיקן קרײַז?
אָ ערד, דיר גראַוויטיר איך, און דיר טרוי איך,
כאָטש בלײַבן אויפֿן אָרט בלויז איך באַווײַז.

ליכט

און אַז אין טאָג איז אַלץ שוין איַינגעשטעלט,
און יעדע זאַך געפינט זיך אויפן אָרט —
גיי איך אַרוים אַ וויַילע פון דער וועלט,
און קער זי איבער מיט אַן איינציק וואָרט.

ווי פאַר בראשית ווערט זי ווידער וויסט,
און איך — אין דרויסן, ווי דער ערשטער ווינט —
אַ רוח אלוהים, וואָס שוועבט און פליסט
אויף וואַסערפלאַך, און איז אַליין נאָך בלינד.

און אַז איך בין אין גאַנצן אין פאַרגעס,
און אַז איך פיל שוין מער נישט קיין געוויכט —
באַוויַיז איך נאָך אַ מאָל דעם זעלבן נס
און גיב אָפּ אַ באַפעל: זאָל ווערן ליכט!

איך קום צוריק. די וועלט איז ווידער נייַ,
און ביז אַ גרעזל — אויסגעוואַשן קלאָר.
און מיט אַ ווילדער פרייד איך לאַך און שריַי,
ווי איך וואָלט נישט געווען דאָ הונדערט יאָר.

פאַרהאַרטעוועט

אַ בוים, אַז דו צעשנײַדסט אים אין דער קווער,
דערזעסטו, ווי ער איז אַדורכגעסענקט —
אַ סימן, אַז ער איז געוואַקסן שווער,
און שלעכטע וועטערס האָט ער אויסגעקרענקט.

אין ווינטער האָט געקנאַקט אין אים דער פראָסט,
אין זומער האָט אים דורכגעגליט די היץ,
און על פּי נס בלויז האָט אים דורכגעלאָזט
דער שטורעם מיט זײַן דונער און זײַן בליץ.

ער איז זיי בײַגעשטאַנען, און אַצינד
ער פילט זיי אין די קנופּן פון זײַן גוף.
און זיי דערמאָנען אים אין יונגן ווינט,
און זיי דערמאָנען אים אין ערשטן פּרוּוו.

*

איך בין געווען שוין יונג, אַ דאַנק דערפאַר!
די זון האָט איין מאָל מיך שוין אָפּגעבריט.
איך וויל נישט זײַן דער אויסגעלאַכטער נאַר,
וואָס זינגט צום צווייטן מאָל דאָס זעלבע ליד.

און פאַר דעם נײַעם — סטײַעט נישט קיין גליק.
אַלץ ווײַטער ווערט פון מיר די בונטע פאַרב. —
איך האָב דערפילט אויף זיך אַזאַ מין בליק,
וואָס איז ענדגילטיק ווי אַ גזר און האַרב.

איך וועל נישט זײַן פאַר קיינעמען קיין שטער,
און שטיל וועל איך אַוועקגיין אין דער זײַט.
מיר איז דאָך גוט אַפילו ווען איך הער,
ווי אַלץ, וואָס לעבט און וואַקסט אַרום מיר, שרײַט.

אַ לויב צום שׂטן

די ערנסטקייט געבליבן איז בײַ גאָט,
און דעם הומאָר — גענומען האָט דער שׂטן.
פּאַר ברעכן אין גן־עדן דעם פֿאַרבאָט,
דער מענטש איז אין זײַ ביידן איצט געראָטן.

נאָר אפשר איז דאָס אַלץ געווען כּדאַי?
ווייל איידער מיטן אומעט אין גן־עדן,
איז בעסער שוין צו וואָגלען אויף דער פֿרײַ —
און זײַן געראָטן מיט אַ מאָל אין ביידן.

דעם טרויער אויסצומישן מיט דער פֿרייד,
פֿון גאָט און שׂטן — פֿון די צוויי אין איינעם —
צו ווערן אויף יעטוועדן טראָט באַגלייט,
און לאַכן דעמאָלט, ווען עס ווילט זיך וויינען.

און הינטער דעם געדעכטן — זען דעם שפּאָט,
וואָס גייט אים נאָך און קרימט זיך ווי אַ שאָטן,
און פֿון דעם אייביק צאָרנדיקן גאָט
אַנטלויפֿן צו דעם לאַכנדיקן שׂטן.

בנשיקה

אַ דאַנק דיר, גאָט, פֿאַר אַלע שיינע פֿאַרבן,
וואָס דו האָסט פֿאַר מײַן קליינעם אויג באַשאַפֿן,
און אָפּגעצאָלט מיר פֿאַר מײַן מוזן שטאַרבן.

דערלויב מיר, האַר, וואָס מער אויף זיי צו גאַפֿן.

און שענק מיר נאָך אַ זומער מיט אַ ווינטער,
און צווישן זיי — דעם האַרבסט ווי אַ מתנה —
דעם טרויער, וואָס אַ פֿרייד מיט פֿרייד פֿאַרבינדט ער.

איך זאָג דיר צו: איך וועל זיך מער נישט מאָנען.

נאָר מײַן נשמה נעם מיר צו אין פֿרילינג.
דערהרגע מיך מיט אַלע זײַנע פֿאַרבן,
און מיט זײַן יונגער לײדנשאַפֿט פֿאַרטיליק.

כאָטש גראָד אין פֿרילינג איז אַ שאָד צו שטאַרבן.

אַ שורה פון אַ ליד

מיר האָט געחלומט זיך אַ שורה פון אַ ליד —
אין חלום האָב איך יעדעס וואָרט פאַרשטאַנען.
נאָר ביַי דעם טאָגליכט האָב איך זיך געמיט,
און נישט געקאָנט די שורה זיך דערמאַנען.

איך האָב אַרומגעזוכט זי מיט מיַין פּען,
און פון דער ווירקלעכקייט — נאָך מער פאַרטריבן,
און בילדער אַנדערע האָב איך געזען,
און שורות אַנדערע האָב איך געשריבן.

כישוף

אַ שטאָט אין דער פולער לבנה,
און הײַזער מיט בלאָע קופּאָלן.
אין איינעם פון זיי — אַ מאַדאָנע,
מיט אויגן פון וויינען געשוואָלן.

אַ שטילקייט. ווער האָט זי פאַרלאָזן?
אַ שטילקייט אַזאַ איז פאַרדעכטיקט.
צי האָט דאָ קיין ווינט נישט געבלאָזן?
צי האָט דאָ קיין מענטש נישט גענעכטיקט?

די שטאָט ווערט אַלץ העלער און העלער,
און איך ווער פון חלום געוואָרגן.
— אַנטלויף! — הער איך שרײַען — וואָס שנעלער!
דאָ וועט דיך די שיינקייט דערמאָרדן!

נישט פון ווײַן

איך דאַרף נישט, אַז פון טאָג די שײַן
זאָל דורכגיין דורכן טראָפּן ווײַן.

איך זויף אין זיך די זון אַרײַן,
און שיכור ווער איך — נישט פון ווײַן.

אָך, בלוטקאָליריק איז דאָס זײַן,
און שפּילעוודיקער — פון דעם ווײַן!

דער אַראָמאַט פון דײַן און מײַן
איז שאַרפער, ווי פון אַלטן ווײַן.

און אויך פון ניכטערונג די פּײַן
איז שרעקלעכער, ווי נאָכן ווײַן!

דער שטורעם איז נאָך גרייט

ווי פון דעם זומער־טײַך די פלאַך,
אַ רויִקע איז שוין מײַן שפּראַך,
און פונעם שטורעם — מיד.
פון יעדער אומגעריכטקייט זאַט —
ווויל זי איצט זיין דער פּראָסטער פּשט
פון אומעטיקן ליד.

איר לויטערקייט האָט אויפגעפלאַמט,
און אָפּגעשטאַנען איז דאָס זאַמד
שוין אויפן סאַמע תהום.
און דאָרטן, אינעם שליים פון דעק,
אַן אײַנגעדרייטע ליגט די שרעק —
אַז איך געדענק זי קוים.

און דאָך, דער רויִקייט נישט טרוי,
ווײַל אפשר נאַרט זי אָפּ אַזוי.
דער שטורעם איז נאָך גרייט
אין יעדן טראָפּן, ווי אַ פונק,
אין יעדן אָטעם, ווי אַ שפּרונג —
ער לויערט אין דער פרייד.

ווײַל ווי די פלאַך פון זומערטײַך,
איז יעדער איינציקער פאַרגלײַך —
אַ צודעק פאַר מײַן זאָרג.
און איך היט אָפּ די שיינע שפּראַך,
כדי דו זאָלסט נישט זען קיין סך
פון דעם, וואָס איך פאַרבאָרג.

*

די אייביקייט וועט מיך צעטרעטן,
אַ רגע בלויז איז מיר באַשערט,
נאָר גרייט בין איך זי אויסצובעטן
בײַם מינדסטן וואָרעם אויף דער ערד.

ווי פינטעלעך פון פרייד און טרויער
איך זע די שטערן אין דער ווײַט.
דאָס שימערירט אַזוי דער דויער
אין שנעלן לויפן פון מײַן צײַט.

די זון פאַרענדיקט אירע קרײַזן
און נעמט מיך אויף אַ לעצטן גאַנג.
קיין סך וועט זי מיר שוין נישט ווײַזן,
נאָר זאָגן מוז איך איר: אַ דאַנק.

נאָך אַ זון

פֿאַר טאָג, ווען ס׳ברענט אין גאַס בלויז איין לאַמטערן,
באַווייַזן שאַרפֿער זיך די לעצטע שטערן.

אַ רגע מיט אַ רגע ווערט פֿאַרראָטן,
און אויף דער ערד נעמט קיניגן דער שאָטן.

אַן אויגנבליק זייַן קעניגרייַך געדויערט —
אויף יענער זייַט פֿון נאַכט אַ זון שוין לויערט.

איר ערשטער שפּרונג — אַ האַלבער רוים ווערט העלער,
אַ צווייטער — און די צייַט ווערט צוויי מאָל שנעלער.

מינוטן קנוילן זיך אַרייַן אין שעהען.
דער טאָג אַנטלויפֿט מיט דאָרשטיקער הנאה

צום ים, און שרומפּט דאָרט אייַן אין צונטער.
אַ פֿליעסק אין וואַסער: נאָך אַ זון גייט אונטער.

*

די גלײַכקייט פֿון גראָדן קוואַדראַט,
דער רונד פֿון געשלאָסענעם קרײַז,
פֿון חשבון דער פּינקטלעכער פּרט —
דאָס אַלץ איז נאָך נישט קיין באַווײַז.

נישט זיכער בין איך מיט דער מאָס,
נישט זיכער בין איך מיט דער וואָג,
אַפֿילו ווען כ׳האָב שוין מיט וואָס
צו מעסטן און וועגן דעם טאָג.

און פֿון דעם באַשאַף ביז צו מיר
איז אַלץ נאָך אי נאָענט, אי ווײַט,
אַפֿילו ווען כ׳האָב דאָס געשיר
צו מעסטן און וועגן די צײַט.

פשוט

נו גוט — איך האָב די גראַמען שוין גענוצט,
נאָר פײַנט האָב איך צו נעמען פון דער פרעמד,
און איידער אין געבאָרגטן זײַן פאַרפוצט,
איז בעסער בלײַבן אינעם הוילן העמד.

וואָס גייט מיך אָן דאָס פלאַפּלען פונעם רום,
אַז פשוט ווי דאָס לשון איז מײַן ליד —
ווי פון אַמאָל אָן אָפּגעוועלקטע בלום
וואָלט ווידער איפּגעשטאַנען און געבליט.

אומענדלעך

וועל איך ערגעץ ווו דערגיין?
איז דען טאַקע דאָ אַ סוף? —
דוכט זיך, אויך בײַם שטומען שטיין
ווערט אומרויִקער דער שלאָף,
ווען ער זעט מיך אינעם גאַנג,
ווען ער הערט מײַן וואַקלטראָט,
ווי אַ ווײַטן ווידערקלאַנג
פֿונעם בלאָנדזשענדיקן גאָט.

ווי אומעטיק

מײַן גאָט, ווי אומעטיק! דער קאָפּ ווערט ווײַס,
און איך דריי אַלץ זיך אין דעם זעלבן קרײַז.

און ווי דאָס מילפּערד טאָר נישט ווערן מיד —
איך שפּאַן שוין בלינדערהייט אַרום מײַן ליד.

פֿאַרוים מיך ציט די תּאווה פֿונעם בלוט,
און הינטן טרײַבט די פֿײַערדיקע רוט.

פֿאַרוים מיך שלעפּט די טאָרבע מיטן פֿרעס,
און הינטן יאָגט דער שמיץ, וואָס איך פֿאַרגעס.

און פֿאַלן וועל איך אויפֿן מיטן וועג,
און דווקא — אין די שיינע זומערטעג.

מען וועט פֿון דאָרט מיך צונעמען געשווינד.
אַ צווייטער אויף מײַן אָרט וועט ווערן בלינד,

און שלעפּן זיך, און דרייען זיך אין קרײַז — — —
מײַן גאָט, ווי אומעטיק! דער קאָפּ ווערט ווײַס.

פון אַלע וועגן

פון אַלע וועגן האָב איך ליבער די וואָס זענען אָפן,
פון אַלע לידער — זינגענדיקע, מיט גלײַכשורהדיקע סטראָפן.

פון אָט די וועגן און די לידער גלוסט זיך אומצוקוקן,
און אויב עס טרעפט, אַז מען פאַרבענקט זיך — אויף אַ ווײַל צוריקגיין.

און אָט די וועגן און די לידער קאָן מען נישט פאַרשטעלן,
און נאָר אין ליכט, און נאָר אין ניגון, ווערן זיי געפעלן.

און אָט די וועגן גייט מען פרײַ — דעם טראָט ווערט נישט דערווידער.
און אָט די לידער זענען ווערט, מען זאָל זיי רופן — לידער.

קיינער ווייסט נישט

די אנשי־סדום געוואָרן זענען בלינד,
ווען זייער זינגער איז געוואָרן שטום.
און קיינער ווייסט נישט, ווו ער איז אַצינד,
און קיינער זוכט אים מער שוין נישט אַרום.

און גוט איז אים צו שווײַגן, ווען מען שרײַט,
נאָך בעסער — נישט צו פילן זייער בליק.
ער וויל נישט זײַן דער צדיק בײַ די לײַט,
וואָס טוען שלעכטס אין נאָמען פונעם גליק.

ער וויל נישט זאָגן יאָ, ער וויל נישט זאָגן ניין —
די ביידע וועלן אויסגעבן זײַן אָרט.
און ער וועט מער נישט קאָנען זײַן אַליין,
און ער וועט ווידער זײַן פאַרשקלאַפט צום וואָרט.

*

די ווערטער, וואָס איך האָב אַ מאָל באַשאַפֿן,
באַגעגן איך, און מיך באַפֿאַלט אַ גרויל.
דאָס זענען זיי! איך פֿלעג פֿון חידוש גאַפֿן,
ווי נאָר איך האָב זיי פֿרײַגעלאָזט פֿון מויל.

געפֿרייט האָב איך זיך ווען זיי פֿלעגן וויי־טאָן:
עס האָט זיי אָנגערייצט די שוואַרצע נויט,
זיי האָבן זיך געריסן פֿון די קייטן —
זיי וועלן ווײַטער שפּרינגען נאָך מײַן טויט.

זיי האָבן נישט קיין האַר און קיין פֿאַרוועדער,
ווײַל איך אַליין מוז קעגן זיי זיך ווערן.
און בלײַבן וועלן זיי שווין די צעשטערער,
ביז ווען זיי וועלן זיך אַליין צעשטערן.

פירער און תלין

דער פירער איז געגאַנגען אויף פּאָרוים,
און מיד האָט נאָכגעשלעפּט זיך דער המון.
און מיט אַ מאָל דערזען האָט ער, אַז בלויז
און איינציק שפּאַנט ער אין זײַן דערנער־קרוין.

דאָס איז געווען די זון אין איר פאַרגאַנג,
וואָס האָט געקרוינט אים אין זײַן לעצטער בראָך.
און אפשר גייט ער לאַנג אַזוי, שוין לאַנג,
און ווייסט נישט, אַז דאָס פאָלק גייט אים נישט נאָך?

ער האָט צו פיל פאַרקוקט זיך אין דער ווײַט,
ער האָט צו פיל אַרײַנגעקוקט איך זיך,
און נישט געוווּסט, אַז הינטער אים, פאַרשײַט,
דער תלין מעסט דערווײַל אָן זײַן געזיכט,

און מאַכט אים נאָך, און רעדט מיט זײַנע רייד.
ער היילט מיט בלוט דעם שאַרפן אומגעדולד,
און אויפן אָרט געפינט ער אַ באַשייד
פאַר יעדן קוועל — אין עמעצנס אַ שולד.

געבליבן זענען זיי דאָרט, אין דער מיט.
דער תלין הערשט — דאָס פאָלק ווייסט נישט דערפון.
און ער גייט ווײַטער מיט די גלײַכע טריט
צו יענעם אָרט, וווּ ס׳נעכטיקט דורך די זון...

דער איינציקער סאָנעט

מײַן טײַער קינד, עס ווערט שוין שפּעט.
מײַן קאָפּ ווערט גראָ, מײַן קאָפּ ווערט גראָ.
עס קומט די אוּנטיקע שעה —
עס קומט די צײַט פֿון דעם סאָנעט.

די לעצטע איילן ערד איך טרעט:
אַ שורה דאָרט, אַ שורה דאָ,
און קיין אַנטרינען איז נישטאָ
מחוץ דעם ריטעם פֿון סאָנעט.

אַזוי פיל שורות אָנגערעדט,
און צו דעם אַלעם פֿעלט מיר, פֿעלט —
נאָך אַלץ דער איינציקער סאָנעט.

און ביי דעם לשון בעט איך, בעט:
— איך גיב אַוועק די לעצטע וועלט
פֿאַר פֿערצן שורות פֿון סאָנעט!

*

דאָס גאַנצע לעבן שטייט ער קעגן הימל,
און ווי אין שפּיגל — זיך אַליין ער זעט.
ער הייבט זיך אויף פון ערדישן געווימל
און צייכנט אָן זײַן אייגענעם פּאָרטרעט.

ער וואַקסט אַריבער אַלע הויכע דעכער,
די ריזן־ביימער ווערן קאַרליק־קליין.
מיט יעדער איינער רגע ווערט ער העכער,
און איינציקער, און מער מיט זיך אַליין.

און דאַן ווען אַלע וויינען — לאַכט ער,
ווען אַלע לאַכן — איז ער טויב און שטום.
און אין די שוואַרצע רעמלעך אַ פאַרמאַכטער —
ער ראַטעוועט זיך פונעם טויט — דורך רום.

פיבער

דער קאָפּ טוט ווי און גליט.
איך אָטעם שנעל און אָן אַ סוף
מיט קורצע שורות פון אַ ליד,
וואָס ווייסט נישט פון קיין גראַם און סטראָף.
איך הייב זיך אויף, איך לויף און פאַל.
אַ גרודע ווערט מײַן יעדעס יאָר,
אַ שטרויכל צו דעם כּף הקל.
און מורא קריג איך פאַר דער וואָר:
אַ שוואַכער איז שוין דער באַריער,
וואָס צוימט זי אָפּ פון דעם קאָשמאַר.
דורך פײַערן איך זע און הער —
אָט איז די גרענעץ, די געפאַר.
איך שפּרינג אַריבער היץ אין קעלט,
איך לויף אַרײַן פון קעלט אין היץ,
איך קום אויף ס׳נײַ צו יענער וועלט —
פון ערשטן בליץ,
פון ערשטן ליד — — —
דער קאָפּ טוט ווי און גליט.

*

גאָט, לאָז נישט איבער אַליין!
דעם ליד גיב די קראַפט פון געוויין,
און ווערטער, מען זאָל זיי פאַרשטיין,
און ניגון פון האַרץ, וואָס איז ריין,
און גראַמען, ווי ליכטיקע ציין,
און ריטעם פון בלוט און געביין,
און עכאָ, וואָס וויל נישט פאַרגיין,
און שיינקייט — פאַר אַלעמען שיין!

מאַי קאָ משמע לן?

איך וועל שוין היינט קיין ליד נישט שרײַבן:
אַ שורה פון אַברהם רייזען
פאַרפאָלגט מיך, נישט אַוועקצוטרײַבן —
נישט מיט גוטן, נישט מיט בייזן.

די שורה האָט זיך צוגעטשעפּעט
און הערט נישט אויף זיך איבערפרעגן,
און רק זי וויינט און בעט זיך עפּעס:
— מאַי קאָ משמע לן, דער רעגן?

דער אַלטער ענטפער אויף דער פראַגע
האָט לאַנג שוין אויפגעהערט צו גילטן,
און ווידער נאַיעט יענע דאַגה
אין רייזענס ליד, דעם נישט געשטילטן.

די שורה הערט נישט אויף צו פרעגן,
איך קען פון איר נישט פּטור ווערן.
נישטאָ קיין ענטפער אויף דעם רעגן,
נישטאָ קיין משל צו די טרערן.

אײַנגערעדט?

און אפשר איז דאָס אַלץ בלויז אײַנגערעדט?
און אפשר בין איך קיינעם מער נישט נייטיק?
די ווענט פון צימער זענען אויסגעבעט,
און דו דערהערסט נישט, אַז איך שרײַ פון ווייטיק.

אַ ווײַסער שטויב, ווי שניי, ליגט אויף מײַן שוועל.
אַ יאָר אַנטלויפט, און נאָך אַ יאָר, און ווידער.
די פרילינגס קומען פאַר דאָרט שרעקלעך שנעל —
אַזוי ווי אין חלומות און אין לידער.

און איך אַליין מײַן נאָמען איך פאַרגעס —
ווען האָסטו מיך דאָס לעצטע מאָל גערופן,
דאָס לעצטע מאָל פאַרשריבן מײַן אַדרעס? —
איך לעב נאָך, און איך וועל אַ מאָל נאָך פּרוּוון

דערמאָנען זיך דײַן טאַנצנדיקן גאַנג
אַרויף צו מיר דורך וויגנדיקע שטיגן.
מײַן נאָמען איז געווען ווי אַ געזאַנג,
און דו האָסט צוגעפּאַסט צו אים דעם ניגון.

דאָס בילד

דאָס בילד איז נאָך געבליבן אויף דער וואַנט,
נאָר זי אַליין — דערקענט זיך דאָרט נישט מער.
זי שטויבט אָפּ מיט אַ פּרעמדער, קאַלטער האַנט
דאָס בילד — און ווייסט נישט וועמען עס געהער.
דאָרט אינעם בליק נאָך שימערירט דאָס ליכט,
וואָס איז פון אייביקייטן אויסגעוויילט
צו טרעפן אין אַ האַרצן אומגעריכט —
די ווונד איז נאָך מסתמא נישט פאַרהיילט.
דאָס מויל איז קוים געעפנט און פאַרשמאַכט,
די נאָז איז מילד פאַרשאַרצט אין אַ קאַפּריז.
אַ שווערע פּאָזע־ראַם האָט זי פאַרמאַכט,
געלאָזן פרײַ בײַ איר בלויז הענט און פיס.
די הענט! ווי בלעטער פון אַן אויפגעבליטער בלום,
וואָס שרעקן זיך פאַר עמעצנס באַריר,
און חלשן, און בייגן אָן זיך פרום —
זיי האַלטן צו דאָס קלייד — די צוים און ציר — — —
די פרוי איז לאַנג שוין פון איר בילד אַוועק.
די צײַט האָט זי פון דאָרט אַרויסגעשטעלט
און אײַנגעטונקען זי אין גראָען פלעק —
און איצט געהערט זי צו אַן אַנדער וועלט.
די קושן האָבן אויסגענאָגט איר מויל,
די לײַדנשאַפט האָט אויסגעגאַרבט איר הויט,
פון זאַטקייט איז איר גוף געוואָרן פויל —
זי וואָלט זיך מער דעם מאָלער נישט געטרויט.

אַ וואָרט

אַ גאַנצן טאָג האָב איך געזוכט אין ביכער
אַ וואָרט. דאָס איז געווען מיר זייער וויכטיק:
געדאַרפט האָב איך דערוויסן זיך אויף זיכער,
צי איך האָב אויסגעלייגט דאָס וואָרט אויף ריכטיק.

געזוכט, גענישטערט, ענדלעך — אויך געפונען,
אַזש מיר איז אָט דאָס וואָרט געוואָרן ליבער.
און איידער וואָס — די זון איז אויסגערונען,
און איידער ווען — איז נאָך אַ טאָג אַריבער.

מיט מילבן־שטויב האָב איך זיך אָנגעגעסן
(דאָס פענצטער איז געווען פאַרשטעלט פון שטאָרן).
און איידער וואָס — האָט מיך דאָס ליכט פאַרגעסן,
און איידער ווען — איז אָוונט שוין געוואָרן.

און דעמאָלט איז געשען דאָס אומדערהערטע:
זי איז אַרײַן אין צימער, ווי אַ וויכער,
און אויסגעמישט מיט אַלע פרעמדע ווערטער —
דאָס וואָרט, וואָס איך האָב אויסגעזוכט אין ביכער.

אַ פענצטער

ווען אַלץ אַרום וועט ווערן בלינד און שטום,
נאָר בלײַבן וועט אַ פענצטער, אַ קוואַדראַט —
וועל איך אין אים דערזען דעם אומעטום —
די גרויסע וועלט און יעדן קליינעם פּרט.

איך וועל דורך אים דערשמעקן יעדע בלום,
די ריחות פון די זאַלצן אינעם ים.
איך וועל אין אים דערזען דעם אומעטום —
די גרויסע שיינקייט און דעם קליינעם פּגם.

און כאָטש פאַרמאַכט וועט בלײַבן דער אַרום,
און יעדער פרײַער טראָט וועט זײַן פאַרווערט,
וועל איך אין פענצטער זען דעם אומעטום —
דעם גרויסן הימל און די קליינע ערד.

איך שפּיל זיך

אַלע קינדער זענען שוין אין שול.
אויף אונדזער גאַס בין איך געבליבן איינער,
וואָס זיץ אין שטוב און ווער פון שטילקייט דול,
און שפּיל זיך מיט די ווערטער, ווי מיט שטיינער.

איך וואַרף זיי און איך קוק, אויף וועלכער זײַט
זיי פאַלן: אויף דער לינקער, צי דער רעכטער.
און איך פאַרגעס גאָר, אַז עס איז נישט ווײַט
שוין איצטער פון געווין ביז צו געלעכטער.

די ערשטע זײַט איז שטענדיק די, וואָס הערשט.
די צווייטע זײַט איז שטענדיק די פאַרקערטע.
עס ווענדט זיך — וועלכע זײַט עס פאַלט צו ערשט.
איך שפּיל זיך, ווי מיט שטיינער, מיט די ווערטער.

און אַז די שטוב איז שוין מיט ווערטער פול —
איך הייב אָן זיך צו שטיקן און צו שרײַען.
און אַלע קינדער לויפן שנעל פון שול,
כדי מיך פון שגעון צו באַפרײַען.

סתירות

איך האָב נישט ליב צו שרײַבן אויף פּאַפּיר,
געצייכנטן מיט אויסגעשטעלטע ווירעם.
מײַן פרײַנד, דו זוך נישט אין דעם ליד בײַ מיר
קיין ווילדע ווידערשפּרוכן און קיין סתירות.

איך בין אַליין זיך מודה פון פאַרויס,
אַז זייער אָפט די שורות דאָרט זיך קריגן.
איך בלאָנדזשע צווישן זיי — נישט אײַן, נישט אויס —
און ווייס נישט, וואָס איז אמת, און וואָס — ליגן.

ווײַל אַלץ די שרעק: די וועלט איז אַזוי שיין,
און יעדעס שטויבעלע איז אייגנאַרטיק,
און איך בין מער נישט ווי אַ מענטש אַליין —
ווי וועל איך מיט דעם אַלעם ווערן פאַרטיק?

איז אויב אין זעלבן ליד איך וויין און לאַך —
זײַ מילד צו מיר — איך ראַטעווע מײַן לעבן.
איך מוז דאָך בלײַבן שטיין בײַ יעדער זאַך,
ווי מיר, בלויז מיר, וואָלט זי געווען געגעבן.

חלומות

איך האָב זיך קיין מאָל נישט געקאָנט דערוויסן,
צי די חלומות זעט מען אין קאָלירן.
זיי האָבן אָן אַן אויפהער זיך צעריסן
און בײַ דעם טאָגליכט פלעג איך זיי פאַרלירן.

מסתמא יאָ. ווײַל ווען מען וויל נאָר רימען
די שיינקייט, גלײַכט מען זי דאָך צו אַ חלום,
און דאָס אַליין שוין איז דער בעסטער סימן,
אַז ער איז אין קאָלירן אויסגעמאָלן.

און אפשר נישט. ער איז פון לעבן שענער,
דערפאַר, ווײַל אים איז לײַכטער צו פאַרמעקן.
און ווען ער וואָלט אַ פאַרביקער געווען נאָך,
וואָלט קיינער מער זיך נישט געוואָלט דערוועקן...

און ביז אַצינד בין איך נאָך נישט דערגאַנגען,
צי די חלומות זעט מען אין קאָלירן.
איך ווייס נאָר, אַז איך בין אין זיי געגאַנגען,
און קיין שום זאַך דאָרט נישט געטאָרט באַרירן.

צו אַ מאָלער

און איך געדענק דיך פֿון אַ מאָל, אַ יונגן.
דײַן האַנט געווען איז דעמאָלט פֿעסט און זיכער.
דו האָסט געגלויבט, אַז אַלץ איז דיר געלונגען,
און אַז דער אמת לעבט בלויז אינעם וויכער.

דײַן יעדע ליניע איז געווען אַ גלײַכע —
דו האָסט זי נישט געבויגן, נאָר געבראָכן.
פֿון אַלע פֿאַרבן און פֿון טענער רײַכע,
גענוצט האָסט אָפֿט די פֿאַרב פֿון דעם נצחון.

נאָר עפּעס איז געווען בײַ דיר נישט ריכטיק
אַפֿילו אין דער מאָס פֿון איבערטרײַבן.
געדאַרפֿט האָט פֿון די בילדער ווערן ליכטיק,
און נישט נאָר פֿאַרב און ליניע זאָלן בלײַבן.

ערשט איצטער, ווען דײַן האַנט איז שוין אין ציטער,
און ווען דײַן בליק פֿאַרלויפֿט שוין אָפֿט מיט טרערן —
ערשט איצטער דווקא בויסטו אויס פֿון שפּליטערס
די וועלט, וואָס וועט אַ גאַנצע דיר געהערן.

און פֿון דײַן אַלטער האַנט — די פּיצלעך שטריכן,
און אין דײַן נעפּלדיקן בליק — די פֿאַרבן,
זיי וועלן ווערן שלימותדיק אין גיכן,
זיי וועלן ווערן לעבן — נאָך דײַן שטאַרבן.

*

און דעמאָלט, ווען דער דרימל מיך באַפאַלט —
איך הייב אָן צו דערזען און צו פאַרשטיין.
און גאָט בייגט אָן זיך איבער מײַן געשטאַלט
און לייזט מיך אוים פון שווײַגנדיקן שטיין.

ער פאָרעמט מיך פון אוראַלט, פון דער טיף,
מיט ליבשאַפט שניצט ער אוים מײַן יעדן טייל.
ער לערנט מיך אויף ס׳נײַ דעם היעראָגליף,
וואָס איך האָב אויפגעשריבן אין אַ הייל.

איך בין צוריק אַ חיה, און איך ברום,
און אין מײַן שלאָף בין איך נאָך גיריק וואַך.
און ער באַפרײַט מיך פון דעם לעצטן מום,
ווען איך דערהער דעם אָנהייב פון אַ שפּראַך.

און ער טיילט אָפּ דעם חלום פונעם וואָרט,
און ער טיילט אָפּ דאָס זען פון פאַרשטיין.
נאָר פאַר דעם אומפאַרשטענדלעכן — אַן אָרט
ער לאָזט אין מיר, אין שווײַגנדיקן שטיין.

נאַקעט

איך גיי דורך דער רוישיקער שטאָט,
ווי זי וואָלט געווען נאָך אַ וואַלד.
אַ קוסט ברעכט זיך אונטער מײַן טראָט,
אַ צווײַג שטעלט מיך אָפּ און פֿאַרהאַלט.
דער ברוק שיילט זיך אָפּ פֿון זײַן דעק,
די הײַזער צעפֿאַלן אין שטויב,
און איך בין אַליין מיט מײַן שרעק —
אַ חיה, וואָס לעבט פֿונעם רויב.

אָט דאָ איז געווען דאָס געוועלב,
ווו איך האָב מײַן קערפּער פֿאַרמיאוסט —
מיט וואָל און מיט לעדער פֿאַרשטעלט,
פֿאַרוויקלט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס.
געהאַט האָב איך דעמאָלט אַ גוף,
פֿאַרפֿרעסט מיט אַ שרעקלעכן קאַנט,
און בלויז פֿאַר אַ וואַרעמקייט־פֿרוּוו
איז נאַקעט געבליבן מײַן האַנט.

איצט גיי איך צוריק צו מײַן הייל —
אַ מאָל איז געווען דאָס אַ הויז.
די טויזנטער יאָרן איך צייל
ביז נוליקער נאַקעטקייט בלויז.
די קאַלטע לבֿנה בײַ נאַכט
טוט אויס מיך אַזש ביז צו דער הויט.
זי לײַכט מיך אַדורך און באַטראַכט:
צי טויג איך פֿאַר ליבע און טויט.

אַלע אָפּגעניצטע ווערטער

אַלע אָפּגעניצטע ווערטער,
אַלע, שוין פֿון לאַנג באַקאַנט,
שטעל איַין ווידער אויף די ערטער
מיט באַפֿעלערישער האַנט.

האָסט די ציין שוין אויפֿגעגעסן,
נאָר דער שמייכל בליט נאָך, בליט,
און דאָס לעצטע צום פֿאַרגעסן
איז נאָך אַלץ דאָס ערשטע ליד.

טו זיך אויס ביז צו די ביינער,
וואַרף אַראָפּ פֿון זיך דאָס לײַב,
זאָל דיך נישט דערקענען קיינער —
און אין אויסגעשריי פֿאַרבלײַב.

*

איך וועל פאַרגעסן אַלע מײַנע לידער,
אַחוץ דאָס ערשטע — פון דעם גרינעם טאָל.
איך וועל עס איבערחזרן אַ מידער —
אַ תפילה קאָן מען זאָגן נאָך אַ מאָל.

אַ תפילה מוז מען קענען אויסנווייניק,
און זאָגן דאַרף מען זי נאָר אין דער שטיל.
און ווערטער האָט זי אין זיך אַזוי ווייניק,
און טרערן האָט זי אין זיך אַזוי פיל.

אַ וואָרענונג

איך בין אַליין אין מײַנע דלת אמות,
און פּלוצלונג הער איך ווי מיך רופט ווער: בינם.
דאָס וואָרנט מיך אַזוי די שטים מײַן מאַמעס:
דו שרײַבסט שוין אויך פּאָעזיע פֿאַר מבינים?

באַניץ זיך נישט מיט אויסטערלישע ווערטער.
חלילה! וועסט נאָך מענטשן איבערשרעקן.
אויב זײַן אַ דיכטער איז שוין יאָ באַשערט דיר —
זאָלסט דו מיט שיינע רייד זיך נישט פֿאַרדעקן.

אַפילו ווען דײַן בלוט הייבט אָן צו יאָגן,
אַפילו ווען דײַן לשון נעמט דיך קוועלן —
דו הער זיך צו. איך וועל דיר אונטערזאָגן
דאָס וואָרט דאָס נייטיקע וואָס וועט דיר פֿעלן...

פּאַרדעק

אָ ערד, פּאַרדעק מיט גרינקייט זיך, און שווייַג,
באַהאַלט אין די געוויקסן באַרג און טאָל.
איך וויל פאַרגעסן אין דייַן מאָרדגעצייַג —
די גראָע שיכט פון שוועבל און פון שטאָל.

איך הער דעם דונער פון דייַן אינגעווייד,
איך זע די רויכן אויף דייַן אויבערפלאַך.
די מענטשן נוצן דאָרט אַזעלכע רייד,
וואָס שטאַמען מער נישט אָפּ פון קיין שום שפּראַך.

איך וויל נישט און איך קאָן דאָס נישט פאַרשטיין,
דייַן לעצטן סוד צו וויסן — איך פאַרשפּאָר.
אויף לאַנדשאַפטן פון אייַזן און פון שטיין —
איך זוך די צווייַ פון דער גן־עדן־פּאָר.

אַרויסגעטריבן פאַר דעם ערשטן חטא —
זיי קאָנען נישט פאַרטראָגן דעם אַספאַלט.
זיי וווינען אין די אומעטיקע שטעט,
און אָן דער לייַדנשאַפט — זיי ווערן אַלט.

*

און דאָס איז אויך אַזאַ מין צײַטפּאַרטרײַב:
די רעגונגען פֿון האַרץ, וואָס איך פֿאַרשרײַב,
די ווערטער, וואָס איך נישטער און איך קלײַב —
אַזאַ מין צײַטפּאַרטרײַב.

און דאָס איז אויך אַזאַ מין גאָרנישט טאָן:
זיך אײַנצוהערן אין אַ יעדן טאָן
און מאַכן גלייבן, אַז איך בין פֿאַרטאָן —
אַזאַ מין גאָרנישט טאָן.

און דאָס איז אויך אַזאַ מין זעלבסטגענאַר:
אַנטלויפֿן פֿון דער שטאַרביקייט־געפֿאַר
און שפּילן פֿון דער אייביקייט דעם האַר —
אַזאַ מין זעלבסטגענאַר.

אַ שווייַגנדיקער טאָג

אַ שווייַגנדיקער טאָג. דאָס ליכט
איז נישט אויף זון און נישט אויף רעגן —
געננוג נאָך קלעפּיק און געדיכט
אויף בלינד צו מאַכן אַלע וועגן.
די מענטשן זענען טויב און שטום,
און אָן אַ שמייכל אויפן פּנים,
און מחנהווייז פון אומעטום
זיי קומען אַלע אָן, ווי שׂונאים.
זיי גייען שטרענג, און פוס צו פוס,
און אַלע האָבן עפּאָלעטן,
און אַ באַפעל פון זעלבן גום:
דיך אומצוּוואַרפן און צעטרעטן.
דו שרעקסט זיך — און די שרעק איז שאַנד,
און צו אַנטלויפן איז שוין שווער דיר.
דו שיצסט זיך מיט אַ שוואַכער האַנט
אַנטקעגן מאַרש פון דייַנע מערדער.

קליינע תפילה

אָ גאָט, מאַך זעעוודיק מײַן אָרעם לײַב,
און זאָל מען גלייבן אַלץ, וואָס איך פאַרשרײַב.

כל־זמן איך לעב — זאָל ווערן אָפּגעבריט
מײַן צונג אין העלן פײַער פונעם ליד.

און לאָז נישט אויסגיין, ווי עס צאַנקט אַ ליכט,
נאָר ווי די זון פאַרגייט אויף מײַן געזיכט.

דעם שׂונא, וואָס מײַן לעבן נישט פאַרגינט,
באַווײַז מיך דורכזיכטיקער פונעם ווינט.

און פאַר די קינדער, פאַר די גוטע פרײַנד,
באַווײַז מיך דעמאָלט, ווען מײַן פּנים שײַנט.

נאָר קיינער זאָל נישט זען מיך, ווי איך וויין
אין מײַן באַהעלטעניש — אין ליד — אַליין.

ווײַל דאָרט, ווו איך בלײַב איבער מיט מײַן סוד,
מעג זען דער וואָרעם מיך, און דו, מײַן גאָט!

וואָס דאַרף איך?

וואָס דאַרף איך? איך דאַרף נישט קיין סך:
פיר איילן, פיר ווענט, און אַ דאַך.

אַ פענצטער, וואָס פירט צו אַ ווײַט
און קוקט צו דער זוניקער זײַט.

אַ טיר אויף אַ נידריקער שוועל
פאַר מענטשן, וואָס גייען דורך שנעל.

אַ טיש מיט אַ קײַלעכיק ברויט —
דער פײַנטלעכסטער גראָם צו דעם טויט.

וואָס דאַרף איך? איך דאַרף שוין נישט מער —
די וועלט וועט שוין קומען אַהער.

די וועלט וועט שוין טרעפן דעם וועג —
אַפילו דורך נעכטיקע טעג.

דער ברייטסטער שאָסיי ווערט דאָך שמאָל,
דער באַרג לאָזט זיך אויס אינעם טאָל,

און צווישן די שטעגן — אַ שטעג —
די וועלט וועט שוין וויסן דעם וועג.

וואָס דאַרף איך? איך האָב דאָך שוין אַלץ?
די ערד איז פון וואַסער און זאַלץ,

דער הימל — פון בלאָ און פון רויט,
און איך — צווישן לעבן און טויט —

דער נאַר מיטן צעפּטער אין האַנט,
אַ האַר איבער פיר איילן לאַנד,

וואָס גלייבט, אַז אין קליינעם געצעלט
ער קעניגט און פירט מיט דער וועלט.

דער ניגון

בראשית — און גאָט האָט דעם ניגון באַשאַפֿן
מיט ליבשאַפֿט און צאָרן.
געשיקט אים אין דונער פֿון ריטמען און טראַפֿן
דורך טויזנטער יאָרן.
אַרײַן איז דער ניגון מיט פּויק און מיט לירע,
מיט מעשענע טאַצן,
אין ליד פֿונעם כּאַם, אין דער אײדעלער שירה
פֿון רײַכע פּאַלאַצן.

געזונגען מען האָט דאָרט דעם זעלביקן ניגון
מיט אַנדערע ווערטער.
די ווערטער, זיי זענען געוואָרן אַנטשוויגן,
דעם ניגון נאָך הערט מען.
ער נאָיעט, ער בויערט אַרײַן זיך אין אָדער
און ברענט אין די בלוטן.
דאָס האַרץ ווערט צעפּלאַצט, ווי אַ צײַטיקער יאָדער,
פֿון בייזן און גוטן.

דער ניגון איז גוט פֿאַר דעם ווײ און די טרערן
אין טונקעלן דעמער,
און גוט אויך אין פֿרייד און אין לוסט איז צו הערן
דעם זעלביקן זמר.
און יעדער, וואָס האָט אַ פּאָר ווערטער אין לשון
וועט קאָנען אים ברומען,
און אויב נאָר די זון וועט נישט ווערן פֿאַרלאָשן —
וועט ער נישט פֿאַרשטומען.

די ווערטער וועלן ווידער ווערן פול

ליב

די ווערטער וועלן ווידער ווערן פול,
דאָס ליד וועט ווידער זײַן פּאַר קינד און קייט.
מען וועט עס לערנען אויף דער באַנק אין שול,
מען וועט עס זאָגן אין די פּראָסטע רייד.

און נעמען וועט אין ליד דאָס ערשטע וואָרט —
אַ קלאַנג, וואָס טרעפט אין האַרצן, ווי אַ שטראַל;
פאַרנעמען וועט אין ליד דאָס ערשטע אָרט —
אַ וואָרט, וואָס ווערט פון אַלטקייט נישט באַנאַל.

און אויגן וועלן ווערן אויפגעהעלט,
און גיין וועט שטיל דאָס וואָרט פון ליפּ צו ליפּ,
נאָר הערן וועט מען אין דער גאַנצער וועלט
דעם שם־המפורש פונעם לשון: ליב.

מײַן יעדער טאָג איז ווידער אַ פאַרזוך,
און יעדע שורה איז אַ נײַער שפרונג.
מיך אַרט נישט, אַז מען זאָגט אויף מיר דעם שפרוך:
„אַ נאַר — וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג".

דאָס גאַנצע לעבן נאָר צו דעם איך שטרעב,
פון יעדן ליד דאָס זעלבע איך דערוואַרט:
אַז ווי צום קירצסטן ווערן זאָל דער וועג
צום לשון — פון דעם צאַפלדיקן האַרץ.

און גליקלעך בין איך דעמאָלט, ווען איך מיין,
אַז אויפגעריסן בין איך רויט און הויל.
דאָס איז די איינע רגע פון געוויין,
ווען אַלע ווערטער ברִיען מיר אין מויל.

איך האָב צו ווייניק און איך האָב צו פיל —
נעם צו דאָס איינציקע, וואָס איך פאַרמאָג!
איך רעד שוין אַזוי טרויעריק און שטיל,
נאָר מענטשן גלייבן אַלץ נאָך, וואָס איך זאָג.

זיי מיינען, אַז איך בין פון וואָרט דער האַר,
נאָר ווען דער גוטער איַינפאַל טוט אַ בלענד,
פאַרגעס איך, ווי אין טויט, אין דער געפאַר —
איך לויף, און ווידער ברעך איך רוק־און־לענד.

און ווידער נעם איך תפילה טאָן: מיַין גאָט!
דעם וועג צו דיַינע שיינקייטן פאַרמאַך,
און שטרענג היט דיַין אַמאָליקן פאַרבאָט,
אַפילו ווען מיך פירט אַהין די שפּראַך.

פֿאַר יעדן קריג איז שפּעדיק דער שניט,
כאָטש קיינעם דינט ער שוין נישט צו דער זעט.
צעטראָטן ווערט ער דורך די זעלנער־טריט,
וואָס קומען אָן פֿון שונאס פֿרעמדע שטעט.

און נאָך אַ שפּע וואַרפֿט אויף מיר אַ שרעק,
צי איז זי נישט די לעצטע פֿון איר מין —
דאָס זענען מײַנע לידער בײַ דעם ברעג
פֿון ים, וואָס האָט שוין מער נישט קיין וו ו ה י ן.

און מורא האָב איך איצט פֿאַר מײַן געאײַל
צו זאָגן אַלץ, וואָס איז נאָך נישט דערזאָגט.
מיר דוכט זיך, אַז אַהינטער יעדער ווײַל
איז גרייט דער שוואַרצער מלאך — און ער יאָגט.

איך בין געווען אַן עקשן און בונטאַר,
איך האָב צעשטערט אַ יעדע צוים און ראַם,
נאָר נישט פאַרמיטן האָב איך די געפאַר
צו זײַן געפּענט אין ריטעם און אין גראַם.

איך בוי אַליין פאַר זיך די ענגע צעל,
איך גרענעץ אָפּ אַליין די לענג און ברייט,
און יעדע ווײַטקייט איך אַליין פאַרשטעל
און ניגן זיך מיט ד׳ אַמות פרייד.

נאָר ווען איך האַלט נישט אויס מער און איך צינד
די קאַרגע, אויסגעמאָסטענע פיר ווענט —
צעבלאָזן ווערט דאָס פײַער דורכן ווינט,
און אין דער שׂריפה ווער איך אויך פאַרברענט.

באַקען מיך, טאַכטער, מיט די יונגע פרײַנד!
פאַרשווונדן זענען באַלד שוין פונעם לאַנד
די אַלטע, אויסגעפרוווטע נישט פון הײַנט —
טאָ לאָמיך כאַטש מיט דײַנע זײַן באַקאַנט.

איך זאָג דיר צו: איך וועל זיך האַלטן שטיל,
נישט פאָדערן, זיי זאָלן מיך פאַרשטיין.
דאָס איינציקע, דאָס לעצטע, וואָס איך וויל —
נישט בלײַבן אין אַ פרעמדער וועלט אַליין.

און אפשר בין איך שוין פאַר זיי נישטאָ,
און אויך מײַן שווײַגן איז פאַר זיי אַ קוועל,
און גלײַך מיט מײַנע מײַנע האָר, וואָס ווערן גראָ —
די בלעטער פון מײַן ספר ווערן געל?

איך גליטש אַראָפּ זיך פון דעם קיַילעך ערד,
און הינטער מיר דערהער איך אַ געוואַלד,
וואָס איך פאַרשטיי עס שנעלער, ווי דערהערט:
— כאַפּ אָן זיך אין אַ באַרג, צי אין אַ וואַלד!

נאָר דער שיפּוע איז שוין שרעקלעך שאַרף,
אָן אויגנבליק פון אומקום איז די צייַט,
און יענע באַרג־און־וואַלד, וואָס איך באַדאַרף —
איז די פאַרגאַנגענהייט אויף יענער זייַט.

און נעמען האָבן זיי: „אַמאָל" און „דאָרט",
און אײַנגעפּאַסט זיי זענען אין אַ סטראָף.
איך כאַפּ זיך אָן אין לעצטן — אינעם וואָרט —
און ראַטעווע זיך פאַרן סאַמע סוף.

דער הספד־מאַכער האָט גערעדט.
(דער אָרון איז געשטאַנען אויף דער ערד).
דער פראָסטער פויגל האָט אים נאָכגעשפּעט.
(דער טויטער האָט אַלץ איינס שוין נישט געהערט).

מען האָט געזאָגט אַ שבח, און נאָך אַ שבח.
דער יתום האָט די אויגן זיך געווישט.
דער פראָסטער פויגל האָט געטאָן אַ לאַך,
און באַלד דעם גאַנצן טויט געמאַכט צו נישט.

מען האָט דעם גרוב מיט פרישער ערד פאַרשיט,
און אויף דעם קבר — בלומען אויסגעשפּרייט.
דער פראָסטער פויגל האָט געטאָן אַ שניט,
אַ פלי — און אויפגעוועקט די פרייד.

גערענקסט ? איך בין געווען מיט דיר אַ מאָל
אין צווייען בלויז אויף אַט דער גרויסער וועלט,
און אַלע שטערן פון גן־עדן־טאָל
אויף דייַן געלעגער האָבן אויפגעהעלט.

און נידעריק — צו גרייכן מיט דער האַנט.
דו האָסט געקאָנט באַווייַזן מיט איין שטרעק
דערלאַנגען צו די עפּל פון פאַרשטאַנד,
נאָר דעמאָלט האָט דיר נאָך געשטערט די שרעק.

און אפשר נישט ? די ליבע איז געווען נאָך שטאַרק:
זי האָט נאָך נישט גענאַרפט דאָס קלוגע ליכט,
זי האָט נאָך די אַנטוישונג נישט דערוואַרט,
זי האָט נאָך אויף דער פייַן זיך נישט געריכט.

דער אָנהייב ווערט אַפילו נישט באַמערקט,
נאָר פונעם ענדיקן איז גרויס די פרייד.
דערלויבט, איך גיב אײַך איבער איצט דאָס ווערק —
דאָס גאַנצע לעבן מײַנס — און איר אַנטשיידט!

נאָר נישט קיין שטרענגער זײַן זאָל אײַער פּסק,
און רעדט נישט צו פיל וועגן יעדן פּגם.
נישט איינער האָט געהויבן שוין די האַק,
נישט איינער האָט געשיקט דערויף דעם פלאַם.

און ווען איך האָב געשיצט עס און געהיט,
געציטערט האָבן מײַנע שוואַכע הענט.
וואָס קאָן מען וועלן פון אַזאַ מין ליד,
געזונגען „צווישן פּאַלנדיקע ווענט״?

באַהאַלטן

אָדר

די ביימער — אויסגעצוואָגענע און ריינע,
דער רעגן לויפט אַרום אין יעדן אָדער.
זיי וואַרטן אויף די פייגל, אויף די שיינע,
וואָס זינגען שירה אין דעם חודש אָדר.

און זייער שירה איז דאָס גרויסע ווונדער:
מען דאַרף דאָרט נישט קיין ריטמען און קיין גראַמען.
זיי זינגען יעדער איינציקער באַזונדער,
נאָר דו דערהערסט זיי — אַלעמען צוזאַמען.

און דעמאָלט הייבסטו ווידער אָן צו גלייבן,
אַז מיט די פייגל ועסטו זיך נישט שיידן,
אַז זייער זינגען האָט זיך אָנגעהויבן
אַמאָל־אַמאָל, אין גליקלעכן גן־עדן.

און אָט די שירה פירט דיך אין זכרון
ביז צו די ערשטע אָנונגען פון אָדם:
ער איז צו חווהן הונגעריק געוואָרן
אין איינעם אַזאַ טאָג פון חודש אָדר.

אַנגעזאַפּט

די ערד האָט אָנגעזאַפּט זיך, ווי אַ שוואָם,
דער לעצטער טראָפּן רינט אַראָפּ צום תהום,
דער נחל ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ טײַך,
דער הימל איז פון רעגענען נאָך פײַכט.

באַלד וועט, אַן אָנגעלאָדענער, דער בוים
אַ שאָט טאָן זײַנע קנאָספּן קעגן רוים,
און באַלד וועט דעמפּן פון דעם אינגעווייד,
דער ערדס, די הייסע פרוכפּערדיקע פרייד.
אַ נעפּל, ווי אַ דורכזיכט־דינע דעק,
פאַרהילן וועט די חרפּה און די שרעק,
און אויך דאָס מינדסטע חיהלע אין פעלד
וועט זוכן זיך אַ פּאָר אויף אָט דער וועלט.

אויך איך בין פון דעם שפּע־רעגן מיד.
מײַן לײַב, וואָס האָט אַזוי פיל מאָל געבליט,
צעפּיבערט ווידער זיך פון דעם פאַרלאַנג —
אין יעדן ערב־פרילינג ווער איך קראַנק.
איך הייל זיך שטענדיק מיט דער זעלבער זאַך:
מיט סגולות פון דער ווונדערלעכער שפּראַך,
וואָס מילדערט אַלע ווייטיקן, און גלעט —
איך ווער צום נײַעם פרילינג צוגערעדט.

סוד

כדאַי אַ יאָר אַ גאַנצס זיך לאָזן קאָסטן
פאַר אָט דעם איינעם אויסגעוויילטן טאָג,
ווען אין פאַרמאַכטע וואַרטנדיקע קנאָספּן
די ערדיש־שוואַרצע ליבשאַפט טוט אַ שלאָג.

און זען עס קאָן דאָס אָן פאַרגרעסער־ברילן,
נאָר דער, וואָס האָט אַזוי פיל צײַט, ווי גאָט —
אַז אַלע לעבעדיקע זאַכן ווילן
דערגיין בלויז איינעם און דעם זעלבן סוד:

דעם סוד פון מערן זיך, דעם סוד פון ווערן,
דעם סוד, וואָס ליגט אין איין סעקונדע בלי,
און קיינער קאָן נישט זען זי און נישט הערן,
דערפאַר, ווײַל ס׳איז צו שפּעט, און ס׳איז צו פרי.

נאָר גאָט ברוך הוא, וואָס האָט דאָס אַלץ באַשאַפן,
פאַרזיכערט האָט דעם קיום פון דער וועלט,
און פרילינג־טעג — צום שטוינען און צום גאַפן —
פאָרויס אויף יאָרן אַ מיליאָן באַשטעלט.

און כאָטש ער האָט דערפון געשענקט מיר ווייניק,
און כאָטש ער האָט געשטראָפט מיך מיט פאַרשטיין,
אַז נאָר אין שטאַרבן זענען אַלע אייניק —
איך נאָר זיך, אַז איך וועל זײַן סוד דערגיין.

דער מאַנדלבוים בליט

ווי שווער איז צו זײַן הײַנט נישט פרום —
אין אָט אַזאַ מאַרץ־אינדערפרי:
נאָך איידער איך קוק זיך אַרום —
דער מאַנדלבוים שטייט שוין אין בלי.

צי האָב איך דען דאָס מאָל פאַרזען
דעם רעגן, דעם ווינט און די קעלט?
צי איז גאָר אַ ווינטער געווען,
צי בלויז זיך געחלומט דער וועלט?

דאָס איז שוין געווען פאַר אַ יאָר,
נאָר ווייל איז צו מיר: איך פאַרגעס
און פריי זיך אויף ס׳נײַ מיט דער וואָר,
ווי מיט אַ געשעענעם נס.

דער מאַנדלבוים שטייט שוין אין בלי.
זײַן ראָזעווע שיינקייט איך בענטש.
פון זעלביקן פרילינג איך גלי,
כאָטש איך בין נישט מער, ווי אַ מענטש.

און אָט אַזאַ תפילה איך זאָג:
אָ גאָט, איך וויל זײַן אַ באַווײַז,
אַ נס אין דעם גליקלעכן טאָג —
און נישט אַ פאַרבלאָנדזשעטער גרײַז.

נאַר מיך אָפּ

נאַר מיך אָפּ. איך וועל זיך לאָזן נאַרן.
איך וועל דיר ווידער גלייבן אויפֿן וואָרט.
פּרוּוו מיך אוים און שיק מיך אין געפֿאַרן,
און שטעל מיך אוים אויף ליבע און אויף מאָרד.

צווישן ביידע בין איך אומבאַהאָלפֿן.
איך גיב זיך ווידער נאָך די ערשטע זינד.
און כאָטש דו האָסט אַ מאָל דערפֿאַר פֿאַרשאָלטן,
מיך ציט נאָך צו דעם אומקום, ווי אַ קינד.

שטרעק איך נאָך אַ מאָל די הענט צום פֿייַער,
און מיין, אַז דאָס איז פֿליסנדיקער גאָלד;
בענטש איך אויך דעם פֿרילינג פֿונעם הייַער,
ווי נאָך אַ פֿרילינג וואָלט געווען געמאָלט.

זאָג מיר צו. דו דאַרפֿסט מיר גאָרנישט געבן.
און איך וועל דיך נישט לעסטערן דערפֿאַר.
לאָז מיך נאָר אַ ביסל לענגער לעבן —
און ראַטעווע אַרוים פֿון דער געפֿאַר!

שוואַלבן

ווי פול איז דער הימל מיט שוואַלבן
אַצינד, אין דעם פרילינג־פאַרנאַכט!
איך קען זיי פון לעבן דעם האַלבן,
וואָס האָט זיך נאָך מיר שוין פאַרמאַכט,
און פונקט ווי אַ מאָל, נאָך אין פוילן,
זיי פליִען אויך דאָ אין דער קווער.
אָ גאָט, נאָך די שרעקן און גרוילן —
ווי קומען די שוואַלבן אַהער?

זיי קרייצן זיך דורך אין געווימל,
זיי יאָגן אַהין און צוריק,
און פונקט ווי אין פוילישן הימל —
זיי פאָרן דעם טרויער מיט גליק.
איך ווייס, אַז אין אָוונט פון פרילינג
איז דאָס דער געזעגענונג־פלי.
אָ גאָט, מײַן בקשה באַוויליק —
און לאָז מיך זיי זען אין דער פרי.

די טונקלקייט הייבט אָן צו פאַלן,
דאָס ליכט אין די רוימען פאַרשווינדט.
באַלד ווערן די שוואַלבן פאַרפאַלן,
אַזוי ווי אין בלאָז פונעם ווינט;
באַלד שיטן זיך אויס דאָרט די שטערן,
פאַרנעמען דאָס ליידיקע אָרט.
אָ גאָט, איך נעם ווידער זיך ווערן
אַנטקעגן דעם טויט — מיט מײַן וואָרט.

אין סאַמע פרילינג

דער פרילינג איז אין סאַמע רעכטן מיטן.
אַ בוים האָט אָפּגעבליט, דער צווייטער בליט שוין.
די רויזן הייבן אָן זיך שוין צו שיטן.
אַ פולע שטילקייט. בלויז די פייגל צווייטשען.

אַ פולע שטילקייט. ווינטעלעך זיך סודען.
און איך, ווי אַלע מאָל, גיי אויס פון נייַגער.
דער פויגל בלויז, וואָס האָט זיך ליב צו הוידען,
פאַרשטייט, נאָר ער איז גראָד אַ שווייַגער.

די ווייַסע קאַץ געהאַט האָט זיבן קעצלעך,
און אַלע זיבן קעצלעך זענען שוואַרצע.
דער קאָטער וועט שוין בלייַבן אומפאַרגעסלעך —
פון אַלע קליינע קוקט אַרויס זייַן פּרצוף.

און איך האָב נישט קיין מורא פאַר מייַן גלגול:
זאָל זייַן אַ שוואַרצע קאַץ, זאָל זייַן אַ פויגל,
זאָל זייַן אַ שד, נאָר נישט דער פוסטער בלבול,
אַז איך וועל צו דעם פרילינג מער נישט טויגן.

*

די ביימער בליִען בלאָ ביַי מיר אין גאָרטן.
די ביימער בליִען בלאָ, און איך פֿאַרגעס,
אַז ערגעץ אין דער קינדהייט, ערגעץ דאָרטן,
האָט בלאָ אַזוי געבליט דער בעז.

די ביימער בליִען בלאָ. ווי הייסן אָט די ביימער? —
וואָס אַרט עס מיך? אַבי זיי בליִען בלאָ.
און אויף דער פֿרילינג־שפּראַך, אויף דער געהיימער,
איז בלאָ — די פֿרייד, וואָס איז נישטאָ.

די ביימער בליִען בלאָ, און איך וויל מער נישט וויסן
די שײַכות צווישן זיי און בלאָען בעז —
כאָטש ביידע בליִען בלאָ אַזוי פֿאַרביסן,
און ביידנס בליִונג איז אַ נס.

*

דער גערטנער האָט דאָס גראָז היינט אָפּגעשניטן.
אַ שווערער ריח פֿון די גרין־געבליטן
האָט מיך דערנאָך פֿאַרטשאַדעט און דערשלאָגן. —
פֿאַר וואָס קאָן איך דעם ריח נישט פֿאַרטראָגן?

ווייל דאָס איז בלוט. זיין שטראָם איז אָפֿן
פֿון סאַמע אָנהייב ביז צו אַלע סופֿן.
און אָט דער זאַפֿט קאָן האָבן אַלע פֿאַרבן,
וואָס צווישן דעם באַשאַפֿן און דעם שטאַרבן.

פּרוכפּערדיקער זומער

דער פרילינג מײַנער איז געװען אַ שטומער,
אַ קאַרגע איז געװען די פרעמדע ערד.
מיר איז באַשערט אַ פּרוכפּערדיקער זומער,
און אויך אַ לאַנגע שניטצײַט איז באַשערט.

פון מדבר־זאַמדן װעל איך זיך דערנערן,
און װאַסער װעל איך שעפּן פונעם שטײן,
און יעדעם קערנדל װעל איך באַשװערן —
עס זאָל פון היץ, חלילה, נישט אַנטגײן.

פאַרגעסן װעל איך אָן די טעג, די גראָע,
פאַרגעסן װעט דערפאַר אָן מיר דער טױט,
און צו דעם שטאַרבן װעל איך װערן ראױ —
ערשט נאָכן אײַנזאַמלען דאָס גאַנצע ברױט.

נאָר װער האָט צײַט צו די געדאַנקען האַרבע,
צו טראַכטן װעגן טױט גאָר? גאָט באַהיט!
איך האָב דאָך אַלץ נאָך פולע הענט מיט אַרבעט,
און טעג אַזױ פיל דאַרף איך פאַרן שניט.

און לאַנג װעל איך נאָך גײן אויף דײַנע װעגן —
אָ, לאַנד מײַנס! — און באַגיסן זיך מיט שװיים.
אַן עדות איז די פרױ, װאָס קומט אַנטקעגן,
און שמײכלט, כאָטש זי װײסט נישט, װי איך הײס.

איך לויער שטיל

דו האָסט מיך אין מײַן איינזאַמקייט פאַרשטעלט —
פון נײַגעריקע אויגן אין דער וועלט,
פון חוצפּהדיקער ליבע און פון האַס,
פון ווײַזן זיך פאַר אַלעמען אין גאַס,
פון אָנטאָן אויפן פּנים פאַלשע פרייד,
פון גריסן זיך מיט אויסגעבאָרגטע רייד,
פון מוזן דאַנקען פאַר דעם חונפס שבח,
און טראַכטן מיט אַ פּונקט פאַרקערטער שפּראַך — — —
איך דאַנק דיר, גאָט, פאַר יעדער גרינער צווײַג,
וואָס דעקט מיך צו פון אַלעמען. איך שווײַג,
און קיינער ווייסט נישט, אַז איך לויער שטיל
אויף יעדער פרייד — און זינג בלויז ווען איך וויל.

זומערדיקע בלעטער

די זומערדיקע בלעטער
זענען טונקל, האַרט און ביטער.
עס ווערט שפּעטער, שפּעטער.
דער ווינט ווערט ענלעך צו אַ ציטער.
איך וואַרט אויף אַ וועטער
פון בליץ און געוויטער.
פון אַלע געטער —
דער שענסטער איז דער שניטער.

וואַך

רו.
אַ הייסער מיטנטאָג אין מיטן זומער.
די גרויסע גרינע בלעטער דעקן צו.
נאָר איך, איך האָב שוין נישט קיין רו מער.

שלאָף.
די פייגל זענען מיד און אָנגעלאָפן.
דער לאַנגער זומערטאָג האָט נישט קיין סוף.
נאָר איך, איך איינער קאָן נישט שלאָפן.

שטיל.
אין שטילקייט פּרוּווט דער מיטנטאָג זיך קילן.
איצט שווייַגט שוין אויך די גראַגערין די גריל.
נאָר איך, איך קאָן זיך אַלץ נישט שטילן.

וואַך —
איך היט אָפּ אויף דער וועלט די שיינע זאַכן,
וואָס ליגן אינעם דרויסן, אָן אַ דאַך.
ווער דען, ווער דען וועט זיי באַוואַכן?

יחוס

װען בלײַך געװאָרן איז די בלאָע פאַרב —
דערפֿילט האָב איך, װי שטרענג דו ביסט און האַרב.

פֿון דרום־זײַט האָסטו דו אויף מיר געפֿלאַמט,
און אַלע װעגן — אָנגעשיט מיט זאַמד.

געבליבן איז אַ דאָרן פֿון דער בלום.
דער שײנער פֿויגל איז געװאָרן שטום.

דער נחל האָט געװיזן מיר זײַן דנאָ,
און דער כנרת — אַז ער קאָן זײַן גראָ.

אַרויסגעהויכט האָט פֿון אַ פֿעלזן־שפּאַלט
די לופֿט, װאָס איז יאָרטויזנטער שוין אַלט.

און דעמאָלט האָב איך װידער זיך דערװוּסט
מײַן יחוס און דעם יחוס פֿון אַ קוסט:

מיר בײדע האָבן װידער זיך דערקענט —
אין פֿײַער, װוּ מיר װערן נישט פֿאַרברענט.

מולדת

דו קומסט פון די זאַמדן און פעלזן,
און איך — פון פאַרלאָשענעם פײַער.
אַ הוילע ביסט דו, ווי דאָס העלזען,
און טאַקע דערפאַר ווערסט מיר טײַער.

און קאַלט אין די נעכט איז אונדז ביידן —
מיר זענען נאָך נאַקעט און אָרעם.
מיט וואָס זשע זאָל איך דיך באַקליידן,
אויב נישט מיט מײַן זיכערן אָרעם?

דײַן שפּראַך איז פאַר מיר נאָך אַ פרעמדע,
מיך שרעקן די קליינע שאַקאַלן.
און דו קוקסט אויף מיר אַ פאַרשעמטע
און וואַרטסט, אַז איך זאָל דיך באַפאַלן.

אַ שמאָלינקע און אַ פאַרברווינטע —
דו ציטערסט און גיסט זיך מיר איבער,
נאָר מער נאָך פון אַלע געקרווינטע —
ביסט דו אין דײַן נאַקעטקייט ליבער.

אַ הויז זאָג איך צו דיר צו בויען,
אַ נעסט, וואָס וועט ווערן באַפעדערט.
און דו וועסט דײַן פרוכט מיר געטרויען,
און איך וועל דיך רופן: מולדת.

דער טרויער פאַרשווינדט

דער האַרבסט גייט אַרוים פון די לידער —
דער טרויער פאַרשווינדט.
נאָר מיר איז שוין סײַ ווי דערווידער
דאָס וואָיען פון ווינט.

מיר איז נישט קיין שאָד די אבידה —
דאָס שיינע געוויין.
אָן האַרבסט און אָן טרויער — אָן ביידע
וועל איך זיך באַגיין.

איך לעכץ, ווי די ערד דאָ, סוף זומער —
קיין סימן פון גרין.
איך וואַרט אויפן ווינטער אַ שטומער,
אין ברען פון כאַמסין.

אַ ליבהאָבער אָדער אַ האַסער —
אַזוי איז מיר גוט!
און שלאָגן וועל איך זיך פאַר וואַסער
מיט לעבעדיק בלוט.

אין מדבר טו איך איצט באַקענען
דעם געטלעכן פלאַם.
מיט אים וועל איך פרוּוון פאַרברענען
דאָס זאַלץ פונעם ים.

באַהאַלטן

מיך האָבן געזוכט:
די ווינטן אוןביימער געבויגן,
די שאָטנס אין טײַכן און טאָלן,
די וואָלקנס אויף שפּיציקע בערג,
די שטילקייט פון שפּעטע פאַרנאַכטן,
דער אומעט פון ווינטער־פרימאָרגנס,
די פייגל, וואָס זענען פאַרפלויגן,
און מיידלשע אויגן.

איך האָב זיך באַהאַלטן:
אין ריח פון גראָזן און בלומען,
אין רויש פון אַ רעגן בײַ נאַכט,
אין שימער פון זײַדענע קליידער,
אין שטאָלענעם גלאַנץ פון מאַשינען,
אין ריטעם פון נעגערשע לידער,
אין פאַלדן פון שטיינערנעם נגב,
אין כוואַליעס פון ווייכן כנרת,
אין טריט פון קיבוצישן פאַסטעך — — —

איך האָב אויף אַ ווײַל זיך באַוויזן,
פון הינטער די אַלע געשטאַלטן,
אַליין, מיט אַן אייגענעם פּנים — — —

באַלד לויף איך אויף ס'נײַ זיך באַהאַלטן.

און ווידער דער האַרבסט

און ווידער דער האַרבסט.
איך הער נאָך אַצינד אין די נעכט
די ווינטן, וואָס האָבן געוואָיעט.
צי וועל איך שוין בלײַבן אַ קנעכט —
צום אייגענעם עבר געבויערט?

און ווידער דער האַרבסט.
נאָר אַלץ איז דאָ איבערגעשטעלט,
און מיך הערט מען אויף צו דערקענען.
איך זוך נאָך אויף יענער זײַט וועלט
די קליאָנען, וואָס וועלקן און בּרענען.

און ווידער דער האַרבסט.
מען זאָגט, אַז איך טויג שוין נישט מער,
עס פעלט מיר דער חוש פאַר דעם נײַעם.
דערפאַר איז מײַן שפּראַך אַזוי שווער
און דינט בלויז אויף וויינען און שרײַען.

און ווידער דער האַרבסט.
איך ווייס, אַז אַ נײַער פּאָעט —
מיט איין דור פון מיר איז ער יִינגער —
וועט מער נישט פאַרשטיין, וואָס עס רעדט
אַן עלטערער יִדישער זינגער.

און ווידער דער האַרבסט.
פאַרפאַלן, אַזאַ איז דאָס ליד,
וואָס איז אין מײַן לשון געראָטן.
עס ציט, ביז צום שטאַרבן מיך ציט,
צום בוים פון אַמאָל און זײַן שאָטן.

יאָ, ווידער דער האַרבסט.

פון דער אַנדערער זײַט

האַרבסט, דו מײַן גאָלדענע צײַט!
איך שלעפּ דיך אַרויס פון די יאָרן,
פון דאָרט, פון דער אַנדערער זײַט,
פון צווישן דעם פּוילישן קאָרן.

נישטאָ שוין דער בלוילעכער ווזשאָס,
נישטאָ מער די אַלטע געפאַרן,
און דאָך, אָן דעם מינדסטן פאַרדראָס,
פון ווינט לאָז איך ווידער זיך נאַרן.

אין חלום איז קיין מאָל נישט ענג,
דערפאַר ווײַל מען קאָן אים פאַרגעסן.
נאָר ווי איז צו מיר — איך געדענק
אַ חלום מיט אַלע אַדרעסן.

און צווישן די אַלע איך גיי
אַהין און צוריק אָן אַן אויפהער.
פון חלום אין ווינד און אין ווי
איך קאָן מער נישט זײַן קיין אַנטלויפער.

פאַרבינד מיר די אויגן

פאַרבינד מיר די אויגן
און פיר מיך אַריבער דער צײַט.
די באַן וועט אַדורך מיט אַ דונער פון שפּאַלן
דורך טויזנטער מײַל אין דער ווײַט,
און שנעל וועל איך פאַלן
אַראָפּ —
צו דער ערד מיט דער ליכטיקער זײַט.

און איך וועל זיך ווידער דערמאָנען:
די גרויסע לבנה,
די ווײַסע בעריאָזע,
די הילצערנע באַנק.

פאַרבינד מיר די אויגן —
און איך וועל דיר זאָגן:
פאַרהאַלט!
אָט דאָ איז דאָס אָרט,
און דאָ —
הייבט זיך אָן דאָס געזאַנג.

צום ערשטן מאָל

צום ערשטן מאָל
דערזען האָב איך די ליבע,
ווען זי האָט אָנגעטאָן
די שיך אויף די אָפּצאַסן.
מיט איר בין איך אַריבער
די קורצע נעכט,
די זומערדיקע גאַסן.

צום ערשטן מאָל
דערזען האָב איך דעם טויט
געל און גרין,
אין פּנים פֿון אַ קינד —
מײַן שוועסטערס קינד,
דערשטיקט פֿון שקאַרלאַטין.

און איך
האָב זיך צו ביידע צוגעוווינט.
אין וואַרשע,
אויף פּאַוויע־גאַס —
זיי האָבן נאָענט נעבן זיך געוווינט.

יוגנט

אַהין איז נישטאָ קיין צוריקקער,
אַהין איז דער וועג שוין פאַרמאַכט.
און דאָך איז מײַן בלוט נאָך אַלץ שיכור
פון איינער אַ וואַרשעווער נאַכט.

אַ נאַכט פון די פוילישע מאַיען,
אין בלאָלעכע בעזן צעבליט,
דערמאָנט מיך די רויטע טראַמווײַען,
אַ סטראָף פון בראָניעווסקיס אַ ליד.

די גאַס איז אין גאַנצן שוין ליידיק.
איך ווייס נישט, צי שוועב איך, צי כ׳גיי.
אין האַרצן דערפיל איך אַ וויטיק —
די יוגנט בלויז טוט אַזוי וויי.

דער פרילינג צעלאָזט אַלע פאַרבן,
נאָר פילן פיל איך אים אויף רויט.
פאַר וואָס טראַכט איך איצטער פון שטאַרבן,
ווען ליבע איז שטאַרקער פון טויט ?

פאַר וואָס זע איך איצטער זיי ביידן,
די ליבע און טויט, ווי אַ פּאָר ?
פאַר וואָס איז מיר שווער זיי צו שיידן ? —
מיר ווערט איצט דאָס נײַנצנטע יאָר.

סמאַטשע־גאַס

אויף סמאַטשע־גאַס אין אָונט־גרוי
קומט־אָן די ערשטע פּראָסטיטוטקע.
בײַם טויער שטייט אַן אַלטער גוי
און זשלאָקעט פון אַ פלאַש די וודקע.

אַ שטומער שפּאַנט דער הויכער סטאַך —
זײַן שטעקן צינדט אָן די לאַמטערן.
און צווישן קוימענס אויפן דאַך
גייט־אויף אַ פינקלדיקער שטערן.

דאָס מילדע ווינטל זוכט אַ בוים —
אַזש ביז צום יִדישן בית־עולם.
די סמאַטשע־גאַס געדענקט אים קוים,
אַ וואַקסנדיקן דאָ אין פּוילן.

און שפּעטער, שוין אין ערב שלאָף,
ווען מאַמעס הוידען נאָך די וויגן —
דערגייט פון ערגעץ־ווו אַ סטראָף
פון קאַמפּסליד מיטן טרויער־ניגון.

אַ לעמפּל צאַנקט אין רויטן שײַן,
דער חלום הייבט זיך אָן צו פאַרבן.
די גאַס איז שטיל און הערט זיך אײַן:
„אַ גוטע פרײַנד, ווען איך וועל שטאַרבן...״

אַ בריוו פון וואַווער

אירענע שרײַבט צו מיר אַ בריוו פון וואַווער
(נישט ווײַט פון וואַרשע איז דאָס אָרט פאַראַנען),
און זי פאַרטרויט מיר ווי אַן אַלטן חבר,
אַז אין איר גאָרטן בליִען די קאַשטאַנען.

אַ בריוו זאָל טראָגן מיט זיך אַזאַ ריח —
דאָס וואָלט איך נישט געוווּסט און נישט פאַרשטאַנען,
נאָר איצט איך ווייס עס שוין, און איצט פאַרשטיי איך —
איך פיל פון אים דאָס בליִעכץ פון קאַשטאַנען.

איך האָב דעם ריח נישט געוואָלט מער פּרוּוון,
און נישט געוואָלט אַפילו אים דערמאָנען,
נאָר מיך האָט ווידער איצט אַרויסגערופן
דאָס בליִען פון די פּוילישע קאַשטאַנען.

ווי ווײַט איז איצט צו יענער פאַרשטאָט וואַווער! —
קיין טראַמוויַי פירט מיך נישט אַהין פון דאַנען.
אירענע, איך וועל בלײַבן דיר אַ חבר,
נאָר שרײַב מיר מער נישט וועגן די קאַשטאַנען.

יענע טעג

און איך האָב ליב זיך ווידער אומצוקערן
צו יענע טעג פון ליבשאַפט און פון טרערן,
און צו די ערשטע שעמעוודיקע גראַמען,
און צו דעם בוידעמשטיבל פון מײַן מאַמען.

און איך האָב ליב זיך ווידער אומצוקערן
צו יענע טעג פון וואַקסן און פון ווערן,
און צו דער אומבאַגרענעצטקייט דער יונגער,
און צו דער גיריקייט, און צו דעם הונגער.

און איך האָב ליב זיך ווידער אומצוקערן —
נאָר קיינער זאָל נישט זען מיך און נישט הערן,
ווײַל מײַנע שונאים וועלן נישט פאַרגינען,
אַז איך זאָל יענע טעג צוריקגעפינען.

דער זעלבערווינט

דער זעלבער ווינט
געווען איז פול רמזים,
און האָט מיך, ווי אַ פונק,
געפּרוּוט פונאַנדערבלאָזן.
איך בין געווען נאָך יונג.

דער זעלבער ווינט —
ער וויל מיך איצט פאַרלעשן,
און גיסט אויף מיר דעם רעגן,
און שלאָגט מיך מיטן האָגל.
נאָר איך שטעל זיך אַנטקעגן
און קלאַמער זיך נאָך בלינד
מיט צאָן און נאָגל.

דער זעלבער ווינט.

*

אוי ווײַ, האָט ער מיך אָפּגענאַרט,
דער הונדערט־פּנימדיקער ווינט!
מײַן יוגנט האָט אים נישט געאַרט,
ער האָט אין נויט זי אויסגעקרימט.
ער האָט געיאָגט אויף מיר דעם שניי,
ער האָט געפּײַפּט אין קוימען ווילד,
ער האָט מיר נאָכגעשפּעט דעם ווײַ —
און האָט מײַן צאָרן נישט געשטילט.

ער האָט געפלאַקערט אין דער פאָן,
און האָט אויף טרויער זי פאַרברענט.
ער האָט געבליט אין רויטן מאָן,
און דורכגעשײַט זיך דורך די הענט.
ער האָט פון טויט מיך נישט באַשיצט,
און אויף מײַן פרייד זיך נישט געריכט.
ער האָט די שרעק בלויז אויפגעבליצט —
און אויסגעלאָשן אַלע ליכט.

איצט איז מײַן קאָפּ שוין גראָ פון שטויב,
אין שטוב איז אויסגעהאַקט דאָס גלאָז.
און איך האָב אים געזונגען לויב,
פאַר וואָס?

דעם טאַטנס ניגון

דאָס גאַנצע לעבן וועט מיר נישט געניגן
אויף אָפּצוציילן פֿון אַ נאַכט די שטערן.
נאָר אַלע לידער זינג איך מיט איין ניגון —
דעם ניגון, וואָס איך פֿלעג פֿון טאַטן הערן.

ווי נאָר ער קומט — דאַרף איך שוין מער נישט זוכן
דעם וועג צו פֿעלדער גאָלדענע און גרינע.
ער עפֿנט אויף מיר דעם חקל תּפּוחין
מיט דעם געהיימען שליסל פֿון נגינה.

און שפּעטער פֿירט ער מיך אויף יענע ערטער,
ווו אָדמס טראָט איז שוין געווען פֿאַרבאָטן.
און דאָרט באַפֿרייט ער מיך פֿון אַלע ווערטער —
דער ניגון, וואָס מען שרײַבט אים נישט אין נאָטן.

דעם טאַטנס ספר

און איך דערמאָן זיך איצט דעם טאַטנס ספר,
דאָס אַלטע, מיט דעם דראָבנעם רש״י-כתב —
די אותיות, וואָס זענען פול מיט אייפער
און נישט אַנטפּלעקטע סודות פון באַשאַף;
די אויסגעגעלטע בלעטער פונעם זוהר,
צעקנייטשטע, אין די ראַנדן שוין פאַרווישט —
דאָס האָבן די יאָרטוויזנטער פון דויער
מיט אויסגעבלייכטע פינגער זיי געמישט.

געפילט האָב איך דעם ריח פונעם הימל,
דאָס פייַער פון באַשאַפנדיקן גאָט,
און פון דעם דראָבנעם רש״י-כתב-געווימל
אַרויסגעהערט האָב איך דעם ערשטן סוד.
דאָס איז געווען דער תמצית און דער ניגון,
וואָס האָט דערגרייכט צום טאַטן אַזש פון צפת,
און אין אַ שבת-טאָג געפּרוּווט פאַרוויגן
אַן עדה ייִדן אויף אַ גלות-גאַס.

נאָר איך האָב אויסגעטייַטשט זיך די צירופים
גאָר אַנדערש, ווי דער טאַטע האָט געמיינט.
דעם שם-הויה האָב איך אָנגערופן,
און ער האָט מיט די אויגן מיך פאַרשטיינט.
און ער האָט נישט געוואָלט פאַרשטיין, אַז היילִיק
און נישט געלעסטערט בלייַבט בייַ מיר דאָס כתב —
כאָטש איך אַליין וויל נעמען זיך אַ חלק
אין נישט אַנטפּלעקטע סודות פון באַשאַף.

מײַן מאַמעס פרייד

פאַרגאַנגענהייט!
פון דיר איך וועל זיך ווידער לאָזן האַלדזן.
מײַן יונגע מאַמע קומט אָן פון דער ווײַט
בײַ טאַנץ־מוזיק פון דײַנע אַלטע וואַלסן.

מײַן מאַמעס פרייד!
איר שײנער קאָפּ איז אײַנגערעמט אין שפּיצן,
און ביז די קנעכל גרייכט דאָס לאַנגע קלייד,
וואָס וועט פון פרעמדע אויגן זי באַשיצן.

זי גייט אין טאַנץ,
און רונד אַרום איר נעמט דער דיל זיך דרייען.
ער שפּיגלט אָפּ איר גראַציע אין זײַן גלאַנץ,
און ווײַזט איר יעדן אײנעם קער — אין צווייען.

דאָס ליכט אַנטציקט
און מיניעט אין קרישטאָל פון זשיראַנדאָלן.
דאָס האַרץ ווערט אין אַ שטילן זיפץ דערשטיקט,
די אויגן זענען פײַכט און אַנגעשוואָלן.

זי וואַרט אויף אים!
זי האָפט נאָך, אַז ער וועט זיך דאָ באַווײַזן,
צום טאַנץ פאַרבעטן מיט אַ זאַנפטער שטים,
און אַ באַצויבערטער — אַרום איר קרײַזן. — — —

מײַן מאַמעס פרייד?
אוי ווײ, איך האָב מײַן מאַמע גאָר פאַרביטן:
נישט זי האָט אָנגעטאָן דאָס לאַנגע קלייד,
און מיט דעם טאַנץ האָט זי זיך אויסגעמיטן.

דער מאַמעס פאָטאָגראַפיע

דער מאַמעס פאָטאָגראַפיע אויף מײַן טיש.
דער שמייכל איז נאָך יונג אַזוי און פריש,
ווי דעמאָלט, ווען דער אויפבליץ פונעם ליכט
געחתמעט האָט אויף אייביק איר געזיכט.
די ליפן האָבן נאָך דעם זעלבן שניט —
די אונטערשטע איז פולער אין דער מיט,
און אירע אויגן מיט דעם שוואַרצן חן,
זיי קוקן אַלץ נאָך תפילהדיק און ריין.

דאָס איינציקע, וואָס פעלט מיר צו איר בילד,
איז נאָר איר שטים, אויף שטענדיק אײַנגעשטילט.

אַ שליטן לויפט

אַ שליטן לויפט און קלינגט מיט דינע גלעקלעך.
דער ווינטער ווערט מיר ווידער ליב און שרעקלעך.

מיט דינע גלעקלעך לויפט אַדורך דער שליטן.
דער שניי פון הימל הערט נישט אויף צו שיטן.

דער שליטן לויפט אַדורך און ווערט פֿאַרלוירן.
אומזיסט האָב איך די פיס זיך אָפּגעפרוירן.

מיט דינע גלעקלעך לויפט אַדורך דער שליטן,
און אויף דער ווײַסער וועלט איך בלײַב אין מיטן.

דער שליטן לויפט אַדורך און ווערט פֿאַרשוווּנדן —
ער האָט מיך מיט דער קינדהייט נישט פֿאַרבונדן.

אין חדר

א

עס טרעפט אַ מאָל, און איך דערזע זיך ווידער
אין מײַנע לאַנגע ייִנגלערישע קליידער,
און מיט דעם אַלטן אויסגעפּליקטן סידור —
אַ גייענדיקן אויפן וועג צום חדר.
און ווידער איז דער ווינטער־ווײַס אומענדלעך,
און אַלע שנייען בלענדן און פאַרטייבן:
זיי פאַלן פונעם הימל, ווי די רענדלעך,
נאָר איך האָב נישט קיין צײַט זיי אויפצוהייבן.
איך לאָז זיי איבער הפקר אויפן דרויסן,
און שלײַך אַרײַן זיך אין אַ טוכלען טונקל,
אַז קיינער זאָל מיך הײַנט שוין נישט אַרויסזען —
און איך ווער אינעם חושך אײַנגעזונקען,
און לערן יענע מעשה פון פאַרצײַטן —
אַן אַלטע, ווי די פאַרמעטענע תורה.
נאָר גרייט בין איך מיט עשׂו זיך בײַטן,
און פאַר זײַן פרײַהייט — געבן אים די בכורה.
אויף בערג, אין מדבר, לויפט אַרום אַ יעגער
און שיקט די פײַל פון בויגן נאָך דער חיה —
און דאָס איז עשׂו, דער באַרימטער שלעגער,
וואָס חברט זיך מיט אַלע ווינטן פרײַע.
און מיר פאַלט אײַן, אַז ווען איך וואָלט געטראָפן
די ביידע ברידער פון דער חומש־פרשה,
וואָלט איך מסתם מיט עשׂו אַנטלאָפן
פון חדר אויף דער סמאָטשע־גאַס אין וואַרשע.

ב

געפּלאָסטערט איז די גאַס מיט קרומע שטיינער.
דער וועג איז קורץ, נאָר יעדער טראָט איז אַנדערש.
איך ווער אַ מבין אויף דער וועלט דער שיינער
אין די געציילטע רגעס פון מײַן וואַנדער.
איך גיי אויף די געפּלאַצטע טראָטואַרן,
איך היפּער דורך פון סמאָטשע־גאַס דעם באַזער.
אַזוי פיל זאַכן ווילן מיך פאַרנאַרן,
נאָר איך — די פּרשה פון דער וואָך איך חזר.
איך האָב נאָך נישט געזען קיין בוים אין בליִען,
איך האָב נאָך נישט געהערט פון וואַלד דאָס רוישן —
איך שפּאַן אין אָט די מוטנע אינדערפריִען
דורך סמאָטשע — צו די פאַסטעכער אין דותן.
די בערג און טאָלן קען איך נאָר פון חומש,
און איינעם פון די טײַכן בלויז — דעם ירדן,
נאָר אויב דאָס חדר־ייִנגל גוט און פרום איז,
וועט ער די וועלט דערזען אין אַלע פאַרבן,
און מיטן חלום וועט ער אויף איר מאָלן:
דעם ירדן־טײַך, דעם שענסטן פון די טײַכן,
פון חומש־לאַנד די בערגער און די טאָלן —
און ווער וועט דאַן צו אים זיך קאָנען גלײַכן?

ג

די טעג פון גרעסטן טרויער און פון אומער
געפאַלן זענען אויפן חודש תמוז —
דעם לענגסטן חודש פונעם הייסן זומער —
ווען אויך דאָס ווינטל אָנגעגליט פון פלאַם איז.
דעם רבין איז אין האַלדז געוועזן שוין טרוקן,
ווען ער האָט אונדז געלערנט מיט געבייזער
די סדרהס מיט די האַרבע חומש־חוקים,
און מיר — מיר האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין זיי.
די שיינע מעשות האָבן זיך געענדיקט:
באַשיידט געוואָרן איז שוין יוספס חלום,
און זיינע ברידער האָבן אים אויף שטענדיק
געדינט — פאַר זייער פייניקן אַ מאָל אים.
זיי זענען שוין געגאַנגען פון מצרים —
אַן ערב־רב, מיט אַלע פרעמדע געצן,
און דער, וואָס האָט געוואַגט זיי צו באַפרייען,
האָט אויפן באַרג געקריצט שוין גאָטס געזעצן.
זיי האָבן שוין געבלאָנדזשעט אין דער מדבר
און, ווי די שקלאַפן, נישט געקאָנט פאַרגעסן
דעם נילוס, וווּ זיי האָבן זיך געווידמעט
און די געשמאַקע פיש פון דאָרט געגעסן.
זיי האָבן שוין באַשטימט פאַר זיך אַ פירער,
כדי זיך צו דער קנעכטשאַפט אומצוקערן:
זיי האָבן שוין געשיקט מרגלים־שפירער,
דאָס שלעכטס פון לאַנד כנען אויסצוהערן.
און משה האָט זיי יעדן טאָג געוואָרנט,
און יעדן טאָג איז ער פון זיי אַנטלאָפן,
און יעדן טאָג האָט גאָט אויף זיי געצאָרנט,
און יעדן טאָג — געשיקט אויף זיי די שטראָפן.
און איך האָב שוין געוואַרט אויף יענע וואָכן,
אויף יענע קליינע טעג, אויף יענע שנייען —
ווען יונג און שיין וועט ווידער ווערן רחל,
כאָטש אַרבעטן וועט יעקב אויך פאַר לאהן.

ד

דערעסן האָבן שוין די האַרבע ווערטער,
די דראָונגען פון גאָט און די נביאים —
בין איך אַנטלאָפן פון די חומש־ערטער
צום אָגרוד־סאַסקי, ווו די ביימער בליִען.
איך האָב געבלאָנדזשעט איבער ברייטע גאַסן
אָן ייִדן און אָן ייִדישע געשרייען,
און איבער גלאַנציקע און שמאָלע פּאַסן
געקלונגען האָבן וואַרשעווער טראַמווייען.
איך האָב פאַרפּלאָנטערט זיך אין דעם גערודער,
— דעם וועג צוריק זיך נישט געקענט דערמאַנען —
און מיט אַ מאָל האָב איך דערזען מײַן ברודער
דעם עלטערן, וואָס גייט ווער ווייס פון וואַנען.
ער האָט מיך אָפּגעפירט צוריק צום רבין,
צוריק צו די באַקאַנטע חומש־ערטער.
און איך האָב ווידער אָנגעהויבן לעבן
מיט פאַרמעטענע און מיט האַרבע ווערטער.

ה

אַהיים גיי איך שוין אין די אָוונט־שעהען,
אין געלן אָפּשיין פון די גאַז־לאַמטערן.
פון אַלע ווינקלען די געשטאַלטן דראָען,
און איך, דאָס חדר־יינגל, מוז זיך ווערן.
איך שרעק זיך נישט פאַר שדים און פאַר רוחות,
ווײַל קעגן זיי בין איך אין גאַנצן זיכער —
און גרייט אין מויל דער פסוק ווי אַ שפּרוך איז.
נאָר יענע גאַסן־מיידלעך אין די טיכער,
וואָס שטייען שווײַגנדיקע אויף די ראָגן,
זיי וואַרפן אָן אויף מיר אַזאַ מין אימה,
און מורא האָב איך, אַז מען וועט מיך שלאָגן —
פאַר זען די בליקן זייערע געהיימע.
זיי לויפן נאָך מיר ביז אויף מײַן געלעגער,
און אויך אין שלאָף זיי ווילן נישט פאַרשווינדן.
איך ווייס, אַז פאַרן חלום פון אַ רגע
מען וועט די הויט אויף יענער וועלט מיר שינדן,
כאָטש דעמאָלט ווערן אָט די אויגן — בלאָע,
אַזעלכע, ווי בײַם מיידעלע, מײַן שכנה,
ווײַל שטראָפן וועט מען מיך פאַר דער הנאה,
וואָס איז די זעלבע זינדיקע, און איינע.

*

מײַן גאָט, האָב רחמנות אויף מיר,
איך קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען:
איך גיב נאָר מײַן שפּראַך אַ באַריר —
און זי פירט אַראָפּ מיך פון זינען.

מסתמא איז שולדיק די זון:
די שפּראַך איז צו פײַער דערגאַנגען,
און איך ווייס אַליין נישט דערפון,
און ווו זי וועט קאָנען דערלאַנגען.

און אפשר וועט זי נאָך דערגיין
צו דיר, צו דעם כסא הכבוד —
די שפּראַך, וואָס מײַן מאַמע אַליין
האָט ערגעץ אין פוילן געכאָוועט,

און גליט איצט פון העלישער היץ,
און כוואַליעט די ווערטער אַריבער — — —
מײַן גאָט, האָב רחמנות, באַשיץ,
און ראַטעווע מיך פון איר פיבער!

פון די ים־לידער

אַראָפּגענומען האָט מען שוין דעם אַנקער

אַראָפּגענומען האָט מען שוין דעם אַנקער,
און אומגעדולדיק וואַרט דאָס ים־געוועסער.
באַלד וועט דער שאַרף פון הימל ווערן בלאַנקער —
און די פאַרלוירנקייט וועט ווערן גרעסער.

די ערשטע שריט. די שיף גייט הינטערוויַילעכץ.
עס רוקט זיך אויף צוריק דער הר־הכרמל.
אין אויג גייט אויף זיַין צאַרטער האַלבער קיַילעך,
דאָס האַרץ ווערט פול מיט ליבשאַפט און דערבאַרמען.

פאַמעלעך ווער איך פון דער ערד דערוויַיטערט,
די כוואַליעס הייבן אָן זי אויפצופרעסן.
און ווען די לעצטע טרער ווערט אויסגעליַיטערט —
די וויַיטקייט לאַדט מיך איַין אויף צו פאַרגעסן.

און זים צו מורמלען הייבן אָן די וועלן,
און ווידער ציט די פרעמד און וויל פאַרלאָקן,
און דינע נעפּלען פּרוּוון שוין פאַרשטעלן
דעם טויט, וואָס האָט אַזוי פיל מאָל געשראָקן.

אומזיסט! מיר וועט קיין מרחק מער נישט סטיַיען.
פון זיך אַליין וועל איך שוין נישט אַנטרינען.
און אויך דער שטורעם וועט מיך נישט באַפריַיען —
דער ווייטיק וועט מיך אומעטום געפינען.

ער וועט מיך גרייכן אויפן ים, ווי יונהן,
ער וועט נישט לאָזן ווערן קיין פאַרגעסער.
די פרעמד וועט מיך נישט שיצן און נישט שוינען —
בלויז די פאַרלוירנקייט וועט ווערן גרעסער.

דער מערב ווערט גראָער און טריבער,
און הימל מיט ים ווערן איינס.
דער נעכטן ווערט נאָענטער, ליבער,
און וויַטער, אַלץ וויַטער — די טרייסט.

מען דאַרף גאָרנישט זיַין איצט קיין דיכטער —
צו הערן דעם תהום, ווי ער שריַיט,
ווען ס׳לעשן זיך אויס אַלע ליכטער
פון דאָרט, פון דער ערדישער זיַיט.

דער ים איז דערוויַיל אַ באַהערשטער,
ער ליגט מיט אַ גלאַטיקער דעק.
נאָר איך בין פון אַלע דער ערשטער,
וואָס פילט אין דער רויִקייט — שרעק.

ווער האָט דאָס אַנטדעקט אָט דעם צויבער —
די אייביקע שטילקייט, וואָס זידט?
קאָן זיַין, אַ פּיראַט און אַ רויבער
געזונגען צו איר האָט זיַין ליד.

נאָר איך הער אַצינד אין איר ניגון
יהודה הלוים אַ חרוז.
דער ים הייבט זיך אָן שוין צו וויגן,
ווי נאָר איך דאַנק אָפּ פאַר דעם גרוס.

די איינציקע ליכטיקע מעווע
פאַרפאַלט אין דער וויַיט און פאַרשווינדט —
דאָס ליד פון יהודה הלוי
דערגרייכט נאָך צו מיר און דערשווימט.

אַ דונער עפּנט אויף די ריגלען
פון אַלע הימלען און תהומען.
די כוואַליעס, ווי פאַרהויכטע שפּיגלען,
צעקרישלען זיך אין פּיצלעך שוימען.

וואָס זוך איך אין די גראָע ווײַטן?
פון וואָס אַנטלויף איך? און פון וועמען?
איך וויל אַזוי זיך איבערבײַטן,
אַז קיינער זאָל מיך נישט פאַרשעמען.

אויף וואַסער־הייכן אויפגעהויבן —
פאַרבלײַבט מײַן איינציקע בקשה:
די שטים פון שטורעם זאָל פאַרטויבן
דאָס בייזע קול פון דער יבשה.

איך וויל נישט וויסן ווער עס זענען
די אַלע פרעמדע פּאַסאַזשירן.
אויב איך וועל קיינעם נישט דערקענען,
וועל איך אויך קיינעם נישט פאַרלירן.

פון רויע ווינטן אַ געשווענקטער,
אַן אויסגעוואַשענער פון רעגן,
אַ ווײַטער און אַ נישט געדענקטער —
זאָל קיינער מער אויף מיר נישט פרעגן.

אַן אָפּגעטונקענער אין וועלן,
אַן אָפּגעלאָשענער פון פײַער — — —
און ווען דער שטורעם וועט זיך שטעלן,
זאָל איך שוין זײַן אַ נײַער.

דער שטורעם האָט געברומט אַ גאַנצע נאַכט,
די שיף האָט זיך געוויגט, ווי נחס תּיבה.
און איך האָב האַלב געחלומט, האַלב געטראַכט
פון גראָען און פון שטומען דיכטער לייוויק.

אויך ער איז דאָך אַ מאָל אויף אַט דעם באָרט
דורך נעפּלען און דורך ווײַטקייטן געשוואומען,
ווען ער האָט נאָך געפילט דאָס זאַלץ פון וואָרט,
וואָס האָט געררייצט זײַן אויסגעפרוווטן גומען.

אַ ליד זײַנס האָט געטאָן אַזאַ מין שניט,
אַז אויך דער שטורעם האָט געמוזט אים גלויבן.
און ס׳איז געבליבן הענגען אין דער מיט
אַ כוואַליע, וואָס האָט דאָן זיך אויפגעהויבן.

די כוואַליע קאָן געפינען ווער עס וויל
אין „אַלע ווערק״, פון לייוויק אײַנגעזאַמלט.
נאָר ער, דער דיכטער, איז שוין שטום און שטיל,
און אויך דער שטורעם — ווי ער וואָלט געשטאַמלט.

אַ רגע פאַר דעם אויסגעזאָגטן סוד,
אַ רגע פאַר דעם סוף פון אַלע סופן,
אַ רגע פאַר זײַן זיגן איבער גאָט —
האָט אים דער גזר פון שטומעניש געטראָפן.

בײַ נאַכט דערזע איך ווײַטע פרעמדע ברעגן,
מיט פײַערלעך, צעזייטע אויפן ראַנד,
און איך קאָן זיך בײַ קיינעם נישט דערפרעגן:
ווער וווינט אין יענעם אומבאַקאַנטן לאַנד?

פון אַלע לאָמפּן זוך איך אָפּ זיך איינע,
און צו איר וווּנדערלעכער שײַן מיך ציט.
קאָן זײַן, אַז יאָרן וואַרט שוין דאָרט מײַן שיינע,
קאָן זײַן, אַז יאָרן שרײַב איך שוין דאָס ליד.

קאָן זײַן — דאָס ליכט, וואָס זי האָט אָנגעצונדן,
געוועזן איז אין דעם חושך, ווי אַ רוף,
און אַלע שיפן זענען שוין פאַרשווּנדן,
און דאָס איז שוין דער סאַמע לעצטער פּרוּוו.

איך וואָלט געקאָנט דאָס אַלעמען באַווײַזן,
איך וואָלט אַפילו איצט געווען אין שטאַנד
צו ענדערן דעם קורס פון אונדזער רײַזע —
און שווימען צום דעם אומבאַקאַנטן לאַנד.

נאָר נישט בײַ מיר אין האַנט איז איצט דער רודער.
אין זײַן קאַיוטע שלאָפט דער קאַפּיטאַן,
און איין מאַטראָס, ווי אַ געטרײַער ברודער,
איז וואַך, און טרעט נישט אָפּ פון מיר קיין שפּאַן.

מיטללענדישער ים, יאַנואַר 1962

אַ טראַט אויף צוריק

1

מיך טראָגט קיין פּאַריז דער עקספּרעס
פון באַלד אין דער פרי ביז בײַ נאַכט.
און איך בין געפּלעפּט פונעם נס:
ווער האָט מיך דאָ ווידער געבראַכט?

פאַר יעדן אַרײַן אין טונעל
דער לאָקאָמאָטיוו זיך צעשרײַט.
איך האָף, אַז מײַן יוגנט איך וועל
דערזען אויף דער אַנדערער זײַט...

מײַן יוגנט איז איינציק און איין,
כאָטש פּנימער האָט זי אַ סך.
ווײַל טרויעריק איז זי און שיין
און רעדט מיט דער זעלביקער שפּראַך.

נאָר ניין! קיין טונעל איז נישטאָ
פון איצט צו דעם ווײַטן אַמאָל.
די הייך האָט אַן אַנדערן בלאָ,
אַן אַנדערן גרין האָט דער טאָל.

און דאָרט, אויף דער ליכטיקער זײַט,
דערוואַרט מיך שוין קיינער נישט מער.
פון שטח איז שטרענגער די צײַט —
זי ווערט נישט גערירט פון קיין טרער. — — —

און אָט איז די פאַרשטאָט סען־דני.
און אָט איז דער באַן־קנופּ פּאַריז.
אַ ציטער לויפט דורך אין די קני:
— מײַן ליבשאַפט, איך בענטש און באַגריס!

2

די ליכטיקסטע שטאָט, וואָס איך קען,
און וועך מיט איר קיין מאָל נישט זאַט —
נאָך איידער איך האָב זי דערזען,
דערפילט האָב איך איר אָראָמאַט.

באַוווּנט האָב איך שטעט שוין אַ סך:
אין יעדער פון זיי האָט אַ גאָס
פאַרקריצט זיך אין האַרץ, אין דער שפּראַך —
מיט ליבע, און טייל מאָל — מיט האָס.

נאָר דאָ איז דער שאַרפער פאַרדראָס
צעשמאָלצן געוואָרן אין פרייד,
און אָן אַ פאַרוועך, אַ פאַרוואָס —
געדענק איך זיך דאָ זאַלבעצווייט.

נו וואָס, אַז די שטאָט איז שוין אַלט,
אַז שוואַרץ איז אויף איר שוין דער טינק? —
די יונגשאַפט אויף ס'ניי מיך באַפאַלט,
און פונקט ווי אַ מאָל — נאָר איך זינג.

אָט איז נאָך דער זעלביקער ברוק,
דער אײַנגאַנג צום מעטראָ איז דאָ.
איך בין דאָ געווען אַזוי קלוג
צו וואַרטן אַ שעה נאָך אַ שעה.

צי איז זי געקומען, צי ניין? —
איך ווייס נישט, איך ווייס שוין נישט מער.
נאָר גרייט בין איך ווידער דאָ שטיין
אַזש ביז זי וועט קומען אַהער.

3

נישטאָ אויף בעלוויל קיין מוזיי,
נאָר עפּעס, מיר דוכט זיך, דאָרט פֿעלט.
פּאָר יאָרן פֿון פֿרייד און פֿון וויי —
וואָלט איך דיר אַ דענקמאָל געשטעלט.

אַ געטין ביסטו שוין געווען,
ווי ווענוס, און איך האָב געקניט,
און איך האָב געטאָן, וואָס איך קען,
צו אייביקן דיך אין אַ ליד.

נאָר דאָס איז צו ווייניק, צו שטיל,
און קיינער וועט מיך נישט פֿאַרשטיין.
איך וויל דיך דערזען אויף בעלוויל —
געזעסן אין דויער פֿון שטיין.

יאָרטויזנטער וועלן אַוועק,
און דו וועסט פֿאַרלירן די הענט,
ביז איינער וועט דיך אין אַ העק
דערקענען, און ווערן פֿאַרבלענדט.

און ער וועט דײַן שמייכל פֿאַרשטיין,
און ער וועט אַנטפּלעקן דעם סוד —
אַז דו ביסט דער דענקמאָל פֿון חן,
געשטעלט און געאייביקט פֿון גאָט.

4

דאָ זענען געבליבן נאָך גאַנץ
די שטיינער אין ברוק פון אַ מאָל.
זיי קריגן אין רעגן דעם גלאַנץ,
דעם שליף און די האַרטקייט פון שטאָל.

די ווענט זענען טונקל און נאַס,
דאָס וואַסער אין רינשטאָק זיך גיסט,
און ס׳וואַלגערן זיך אויף דער גאַס
צעזוויקטע פּאַפּירן און מיסט.

די לופט איז כסדר דאָ גראָ
און פײַכט, ווי אין מיטן אַ שאַכט,
און בלויז אין דעם קליינעם „ביסטראָ״
עס לײַכט זיך בײַ טאָג און בײַ נאַכט.

דאָס איז נישט די שטאָט פון די ליכט,
ווי איך האָב באַקענט זי אין בוך,
און דאָ האָט זי זיך נישט געריכט
אויף מיר, נישט דערוואַרט מײַן באַזוך.

דאָ האָט זי מיט קאַרגשאַפט געגרייט
אַ נישע, אַ בעט אין דער וואַנט,
פֿאַר איינעם, וואָס האָט זיך צעשיידט
מיט פּוילן, זײַן הונגעריק לאַנד.

5

עס שטייען נאָך די זעלבע הײַזער
און אויפֿן ציפּערבלאַט פֿון זייגער
געבליבן איז אַן איינציקער
דער קליינער ווײַזער.
ער ווײַזט די שעה
ווען כ׳בין אַוועק פֿון גאַר די נאָר
אויף גאַנצע צוואַנציק יאָר.

די שטאָט איז גרויס,
זי קאָן נישט אַלעמען געדענקען,
נאָר איך וועל איר די צוואַנציק יאָר נישט שענקען.
איך מאָן זיך אַלע די,
וואָס זי האָט נישט געקאָנט באַהאַלטן.
און אויב איך וועל זיי נישט געפֿינען —
זאָל זײַן כאָטש איינער,
וואָס איז אַראָפּ פֿון זינען,
און לאָזט זיי די אַדרעסן נישט פֿאַרמעקן,
זאָל זײַן כאָטש איינער,
וואָס קאָן נאָך זיך און אַנדערע דערשרעקן.

יאַנואַר—פֿעברואַר 1962

צייטיק

אין יענעם טאָג

מיט גאָר דער גראָקייט וועל איך זיך באַקליידן,
און אַלע ביימער וועלן ווערן ברידער
אין יענעם טאָג, ווען איך וועל זיך צעשיידן
מיט מײַן געליבטער און מיט מײַנע לידער.

די זון אין הימל וועט מיך נישט באַגלייטן,
און קיינער וועט נישט קוקן דורך אַ פענצטער.
מײַן טראָט אין זאַמד וועט קײנעמען נישט ווײי טאָן,
ווען איך וועל ווערן אין דער ווײַט דער קלענסטער.

דער שאַרפער רויש פון אָפּגעוועלקטע בלעטער,
אַראָפּגעפאַלענע דורך אַלע יאָרן,
וועט שפּרייטן דאָס געלעגער מיר אויף שפּעטער,
ווי אַ צוקאָפּנס אין אַ שוואַרצן אָרון.

און ווען עס וועט שוין אָטעם מיר פאַרפעלן
און אין דער ווײַטקייט וועל איך ווערן איינער,
וועט דעמאָלט לעבן מיר דער ווינט זיך שטעלן
און נעמען לעקן מײַנע ווײַסע ביינער.

*

דערלאַנג די האַנט!
מיר נידערן אַראָפּ פון באַרג,
און בלויז דער טרויער פון פאַרשטאַנד
קאָן העלפן אונדז צו בלײַבן שטאַרק.

נישטאָ קיין אַנגסט.
פון פחד זענען מיר אַנטוויינט.
די האַנט, וואָס דו דערלאַנגסט,
ווערט פון דער אייביקייט פאַרשטיינט.

דו פילסט די קעלט?
זי פרירט אונדז ביידע אײַן אין רו,
און אין דער שווײַגנדיקער וועלט —
מיר בלײַבן ווײַטער א י ך א ו ן ד ו.

אין וועג

די טאָרבע וועל איך נעמען אויפן רוקן,
און אין דער האַנט — אַ שטעקן פאַר די הינט;
און אויפן וועג דאָס ברויט וועט ווערן טרוקן
און אויסגעדאַרט פון זון און פון עם ווינט.

איך וועל אַוועק דורך נישט געציילטע מײַלן,
ווי כ׳האָב נאָך קיין מאָל נישט דעם פוס געשטעלט,
און מיט אַ טראָט, ווי כ׳וואָלט געדאַרפט זיך אײַלן
אין אַ שליחות ממש ביז עק וועלט.

און קיינער וועט נישט פרעגן אויף דער טאָרבע —
וואָס איך באַהאַלט דאָרט, און פון וועלכן ווערט,
און אויף דער פלייצע מײַנער איינגעהאָרבעט —
אַ וואָסער גרויסער משׂא אויף איר שווערט.

ע ר

דעם שליסל, וואָס פּאַסט צו מײַן טיר,
וועט ער אין אַ מדבר פאַרוואַרפן,
אַז אַלע, וואָס דאַרפן צו מיר —
זיי זאָלן מיך מער שוין נישט דאַרפן.

דערפילן דאָס לעצטע געבאָט,
באַווײַזן דאָס פינצטערע וווּנדער,
וועט ער, דער שליח פון גאָט:
אַז שטאַרבן זאָל יעדער באַזונדער.

און שפּעטער וועט גיין דער באַגלייט
פון אַלע חברים די טרײַע.
זיי וועלן פאַרבאָרגן די פרייד
פון שפּאַנען נאָך י ע נ ע מ ס לויה.

זיי וועלן מיט זאַמדיקער ערד
פאַרשיטן מײַן קבר, פאַרשיטן
געשווינד, ווי איך וואָלט נאָך געהערט,
געקענט זיך צעשרײַען אין מיטן.

די אַלטע חברים

די אַלטע חברים, וואָס גייען אַוועק, —
וווּ גייען די אַלטע חברים?
אַלץ אָפּטער פאַרנעמען דער ווינט און די שרעק,
די ערטער, די ליידיקע זייערע.

די אַלטע חברים — וואָס בלײַבט מיר פון זיי,
וואָס בלײַבט פון די אַלטע חברים?
אַ ווײַטער שפּאַציר אין אַ ליכטיקן שניי,
און שטימעס פאַרלוירענע זייערע.

די אַלטע חברים, זיי לאָזן אַליין —
נישטאָ שוין די אַלטע חברים.
פאַמעלעך איך שפּאַן פון אַ שטיין צו אַ שטיין —
און לייען די נעמען דאָרט זייערע.

*

פון אַלע ווייטיקן אַ דורכגעהעלטער —
ווער איך שוין ענלעך צו די ייִדעס גראָע.
אָט גיי איך באַלד אַרײַן אין זייער עלטער
און דאַרף שוין, דאַכט זיך, שרײַבן אַ צוואה.

נאָר וואָס אַזוינס האָב איך דען צו פֿאַרשרײַבן?
און וויפל וועל איך לאָזן בירושה?
פֿאַר דעם פֿאַרמעגן, וואָס נאָך מיר וועט בלײַבן,
איז לאָזן אַ צוואה — אויך אַ בושה.

איך דאַרף נישט, אַלע זאָלן זיך דערוויסן
מײַן אָרעמקייט — אויך דערמאָלט, נאָכן שטאַרבן.
איך האָב פֿון לעבן נישט אַרויסגעריסן
קיין גיטער, וואָס מען זאָל זיי קאָנען ארבן.

און וואָס איך בין בכוח צו פֿאַרשרײַבן,
האָב איך אין מײַנע לידער שוין פֿאַרשריבן.
און אויב דערפֿון וועט דאַרפֿן עפּעס בלײַבן —
איז דאָס דאָך בײַ מײַן לעבן שוין געבליבן.

*

און בײַטן װעט דער טאָג זיך מיט דער נאַכט,
די ערד װעט פֿון געװױנהײט זיך באַװעגן.
און װי איך װאָלט קײן חלום נישט געדאַכט —
איך װעל זיך מער נישט חידושן און פֿרעגן.

װי אַלע מענטשן, װעל איך עסן ברױט,
און װאַסער פֿון די קװאַלן װעל איך טרינקען,
און אין דעם שלאָף, װי אין אַ קורצן טױט,
װעל איך, אַן אױסגעמאַטערטער, פֿאַרזינקען.

און אַז איך װעל שױן זאָגן אַ געבעט,
װעט דאָס באַשטײן פֿון אָפּגענוצטע װערטער.
דער גוטער גאָט װעט שענקען מיר דעם חטא,
כאָטש אָט די תּפֿילה אָן אַן אױפֿהער הערט ער.

און רױִק װעל איך װאַרטן אױפֿן בראָך,
װאָס װעט די שװאַרצע ערד אין צװײ צעשפּאַלטן,
און אין דער לאַנגער גראָקײט פֿון דער װאָך —
מען װעט מיך פֿון דער אױבערפֿלאַך באַהאַלטן.

געזעגענונג

דער צוג — מײַן צוג — צום אָפּגיין איז שוין גרייט,
און רעזערווירט פֿאַר זיך איך האָב אַן אָרט.
און ווען מען וועט אַ פֿײַף טאָן אויף צעשייד,
וועל איך דיר זאָגן דאָס געזעגן־וואָרט.

און דו, באַגלייטערין, דו וועסט אַוועק,
און גיין דעם וועג צוריק אַהיים — אַליין,
און אַ רפואה זײַן וועט פֿאַר דײַן שרעק
דאָס הייסע אויסגעבראָכענע געוויין.

און ווען אין האַלדז וועט ווערגן דיך די טרער,
וועסט דו בײַ אונדזער טיש שוין עסן ברויט,
און צוגעוויינען וועט זיך דײַן געהער,
אַז איך זאָל מער נישט קומען פֿונעם טויט.

אין שוואַרץ געהילט וועט זײַן דײַן קליינער גוף,
פֿאַרדעקן וועסטו אים אַנטקעגן טאָג.
און דאָס געלעכטער — בײַ דײַן יעדן פּרווו —
צעקרישלען וועט זיך פּלוצלונג אין אַ קלאָג.

ביז דו וועסט זיך דערוויסן יענע שעה,
ווען נאָך אַ צוג דאַרף אָפּגיין אין מײַן לאַנד,
און קומען וועסטו אין דײַן שוואַרץ־און־גראָ
צום אָפּפֿאָר אויף דער צווייטער זײַט פֿון ראַנד.

*

אַנטלויפן דאָרט, ווו מיך דערקענט נישט קיינער,
און אפשר גאָר — ווו קיינער איז נישטאָ,
און גלייבן, אַז אויף אָט דער וועלט דער שיינער
פאַרברענג איך איצט די סאַמע ערשטע שעה.

איך וועל נישט דאַרפן גריסן זיך צו שכנים,
און נייגן זיך פאַר זיי, און שמייכלען מילד.
און שעמען וועל איך אויך זיך בלויז פאַר איינעם —
פאַר זיך, וואָס כ'בין נאָך נישט אין גאַנצן ווילד.

איך וועל נישט דאַרפן לאַכן, און נישט וויינען —
פאַרביידן וועט נישט זײַן דאָרט קיין געהער.
אין שווײַגעניש — מײַן לשון וועט פאַרשטיינען,
אין רויִקייט — וועט טריקענען מײַן טרער.

און ווען דער ווילדער שטורעם וועט מיך מיינען,
און מיט אַ בליץ פאַרברענען מײַן געזיכט —
וועט אונטערגיין די וועלט מיט אַלע חנען,
און קיינער וועט נישט ירשענען איר ליכט.

*

געפרעגט האָט זיך אַ פּוילישער פּאָעט
אויף יענעם בוים, וואָס וועט אים זײַן אַ טרונע,
און איך — מען זאָגט, עס ווערט שוין שפּעט —
איך האָב דאָס לעצטע וואָרט נאָך נישט געפונען.

איך דין צום לעבן, ווי אַ טרײַער קנעכט.
דאָס גאַנצע לשון האָב איך דורכגעגנישטערט,
מיט יעדן וואָרט געליבט זיך און געפעכט —
נאָר צו דעם לעבן וויל איך זײַן פאַרמשפּעט.

איך גיב אַ טאָג אָפּ פאַר דעם מינדסטן טראַף,
און זאָל אָן אויפהער ציִען זיך דער דויער.
כ׳בין גרייט צו זײַן נאָך הונדערט יאָר אַ שקלאַף,
אַפילו איך זאָל ווערן דורכגעבויערט.

פּאָעטן לעבן גיך און שטאַרבן שנעל —
איך וויל דאָס טאָן אַ ביסעלע פּאַמעלעך,
און יעדן איינעם, ועמען איך געפעל —
באַווײַזן פרעגן זיך: פאַר וואָס געפעל איך?

צו וואָס דאָס אײַלן זיך — אַז אין דער צײַט
דערלויבט איז בלויז איין ריכטונג פון באַוועגן?
און אויף דער צווייטער, אומבאַקאַנטער זײַט,
איז בעסער זיך אין גאַנצן נישט צו פרעגן.

און וויפל יאָר איך זאָל נישט גיין אַהין,
וועט הענגען איבער מיר דער זעלבער שטערן,
און וויפל מאָל די ערד וועט ווערן גרין —
איר שוואַרצן אינגעווייד וועל איך געהערן.

די שרעק

זי טוט מיר אָן אַ שנירל טרערן,
פֿון האָפֿענונג די בלאָע באַנד,
אַבי איך זאָל זיך נאָר נישט ווערן,
און גיין — דערגיין צום סאַמע ראַנד.

און דאָרט נעמט זי מיר צו די קליידער
און איר פֿאַרפּירערישן גאָב.
און איידער איך צעשרייַ זיך, איידער —
זי שטופּט מיך אין תּהום אַראָפּ.

דײַן לעצטער שמייכל

דאָס איז געווען דײַן לעצטער שמייכל.
ער האָט געצאַנקט
און אויסגעלאָשן זיך אין ווייטיק.
אַ שטראַל פון אייביק-ווערנדיקן שׂכל
האָט ווידווידיק געדאַנקט:
דיר איז שוין גאָרנישט נייטיק.

געגליווערט האָבן אַלע שיינע שטריכן,
און דײַן געזיכט
געוואָרן איז פאַרשטיינערט.
דײַן קערפּער האָט זיך אויסגעגליכן,
און דײַן געוויכט
אַרײַן איז אין די ביינער.

און אַנדערש האָב איך אָנגעהויבן הערן
דײַן שטילע שטים:
זי האָט זיך אין דעם שטאַרבן אויסגעלײַטערט
פון ווייטיק און פון טרערן,
פון זײַן אינטים —
זי איז געוואָרן אייביקער און ווײַטער.

וזכרתי לך

גאָלדעס אָנדענק

און איך וועל דיר געדענקען דעם גענאָד
פון דײַן פאַרגאַנגענער און שיינער יוגנט,
ווען קיין שום פרייד איז נישט געווען קיין שאָד
און קיין שום שטורעם האָט דיך נישט באַנוגנט.
דאָס גאַנצע בלוט אין דיר האָט אויפגעזידט,
כאָטש דײַנע הענט געבליבן זענען קילע,
און דו האָסט אײַנגעוויגט מיך מיט אַ ליד,
נאָר איך האָב אויסגעהערט דאָס ווי אַ תפילה.

דײַן גיין נאָך מיר געדולדיק אומעטום
אויף פרעמדע וועגן און אין פרעמדע לענדער...
דעם ווייטיק האָסטו אויסגעליטן שטום,
נאָר דײַן פאַרגלייבטקייט האָט זיך נישט געענדערט.
מײַן אומגערעכטיקייט האָסט דו פאַרשטעלט,
און אַלע מײַנע זינד — אויף זיך גענומען,
און אויפן סאַמע ראַנד פון מענטש און וועלט —
דו ביסט אַוועק פאָרויס, און אומגעקומען.

*

איך גיי צו דיר, און ביז צום סאַמע סוף
דו ציסט מיך מיט אַ בלענדנדיקער שטריק.
אויף מײַנע אויגן שיקסטו אָן דעם שלאָף —
מיך אָפּצונאַרן, אַז דו קומסט צוריק.

איך גיי צו דיר, צום סאַמע סוף, אַהין,
ווו נאָר פון דיר אַליין איך ווער דערוואַרט.
די ערד פון אויבן איז געענוג שוין גרין,
נאָר אינעווייניק איז זי אַלץ נאָך האַרט.

איך גיי צו דיר. איך וועל דיר בלײַבן טרײַ
אין איינער, אין דער לעצטער כאָטש, מינוט —
נאָך איידער פון מײַן בליק וועט ווערן בלײַ,
נאָך איידער אָפּגעקילט וועט זײַן מײַן בלוט.

איך גיי צו דיר. דאָס לעצטע וואָרט וועט זײַן —
דײַן נאָמען, ווי אַ ווידוי אָפּגעהיט.
און דעמאָלט וועט צעגיסן זיך די שײַן
אין אַלע קאַטאַקאָמבן פון מײַן ליד.

קיין מאָל מער

איך האָב זיך מיט אַ בוים באַקענט פּערזענלעך,
און אַ פֿאַרדאַכט האָט אָנגעהויבן ווי טאָן:
אַ פּנים צו אַ פּנים איז נישט ענלעך,
און אויך אַ בלאַט נישט גלײַך איז צו אַ צווייטן.

די שרעקלעכע פֿאַרשידנקייט פֿון פֿאַרבן,
די אויסגערעכנטקייט פֿון יעדער פֿאָרעם —
באַדײַטן דאָך דעם פּסק, דעם סאַמע האַרבן,
פֿאַר מיר, דעם מענטש, אַזוי ווי פֿאַר דעם וואָרעם:

אַז איך וועל קיין מאָל מער זיך נישט באַווײַזן
אין זעלבן אויסזען, מיט די זעלבע שטריכן,
און בלויז צוליב די מעלות און די גרײַזן
וועט ווערן עמעצער צו מיר פֿאַרגליכן.

און וויי! איך העלף אַליין צו דעם פֿאַרשווינדן
מיט אַלע מײַנע תּאוות און געלוסטן:
זיי פֿאָרן מיט דער פֿרעמד מיך און פֿאַרבינדן —
און איך ווער אויפֿגעלייזט אין אומבאַוווּסטן.

*

און אויב דאָס ליד געווען איז, ווי אַ שפּיגל,
אויף צוצוגרייטן זיך פאַר דעם פּאָזירן,
און אויב אַ פאַלשער איז געווען דער זיגל,
וואָס איך האָב אײַנגעברענט אין די פּאַפּירן —
וועל איך פאַראורטיילט ווערן פון די ריכטער,
וואָס קומען זיך צונויף אין אַ יאָרטויזנט,
כדי צו משפּטן די טויטע דיכטער,
צי דאַרף מען זיי נישט נאָך אַ מאָל צו טויטן.

נאָר אויב דאָס ליד געווען איז, ווי אַ פאַקל,
וואָס איך האָב מיט מײַן לשון אָנגעצונדן,
און אויב דאָס ליכט געווען איז דער סך־הכל,
אַפילו דעמאָלט, ווען איך בין פאַרשוווּנדן —
וועט מער אויף מיר נישט האָבן שוין קיין שליטה
די גרויסע שכחה און דער קליינער וואָרעם.
די ווערטער וועלן בלײַבן אָנגעגליטע,
אויך ווען די שפּראַך וועט זײַן שוין נישט געוואָרן.

אויף אַלע אייביקייטן

דאָס לשון איז פאַרשווונדן פון די טרעגער —
באַלד וועט עס פון די לידער אויך פאַרשווינדן,
און מער וועט שוין נישט זײַן קיין איבערפרעגער,
און מער וועט דאָרט נישט זײַן וואָס צו דערפינדן.

דאָס לשון איז פאַרשווונדן פון די שנײַדער —
באַלד וועט עס פון די לידער אויך פאַרשווינדן.
דער גרעסטער דיכטער און דער גרעסטער לײַדער
וועט אויך די בראָך נישט קאָנען איבערווינדן.

דאָס לשון איז פאַרשווונדן פון די שוסטער —
באַלד וועט עס פון די לידער אויך פאַרשווינדן,
און בלײַבן וועט פון אַלעם נאָר אַ מוסטער
די קלוגע שפּראַך-טעאָריעס צו באַגרינדן.

דאָס לשון וועט פאַרשווינדן פון די לידער.
דאָס לשון וועט פאַרשווינדן, וועט פאַרשווינדן,
און מיט די אויסגעמאָרדעוועטע ברידער —
אויף אַלע אייביקייטן זיך פאַרבינדן.

דער שאָטן

דער שאָטן גייט מיר נאָך אין פרײַען פעלד,
און ווען איך בלײַב אַליין, האָט ער מיך ליבער,
און אַז פון קיינעם ווער איך נישט פאַרשטעלט —
ער פאַלט אַרויף אויף מיר און דעקט מיך איבער.

דאָרט העלפט שוין נישט קיין שרײַען מער, אַ ניין!
ווער וועט דען אין דער פוסטקייט מיך דערהערן?
מיט דעם בעל־דבר בין איך איצט אַליין,
און איינער מוז איך קעגן אים זיך ווערן.

איך פאַל. איך נעם אַרום זיך מיט דער ערד,
און מיט איר אייביקייט איך ווער פאַרבונדן.
און דעמאָלט איז מײַן שטאַרבן שוין צעשטערט —
איך קוק זיך אום: דער שאָטן איז פאַרשוווּנדן.

נישט קיין טרייסטליד

דו וועסט אַראָפּגיין פֿון די גרינע גראָזן
און נישט פֿאַרבלײַבן דאָרט מיט איין טאָג לענגער,
ווײַל גאָט, דער באַלעבאָס, וועט נישט דערלאָזן,
אַז אויף דער שיינער ערד זאָל ווערן ענגער.

אַן אַנדערע וועט קומען דיך פֿאַרבײַטן,
די אַנדערע וועט ווערן צו דיר ענלעך,
און פּונקט ווי דו — אַוועק דורך אַלע צײַטן,
אַן אומפֿאַרענדערלעכע און אומענדלעך.

צוריק

און דאָס וואָלט אויך געווען אַזאַ מין גליק:
אַ בוך, וואָס לאָזט זיך בלעטערן צוריק.

דו האַלטסט שוין ווײַט, אוי שרעקלעך־שרעקלעך ווײַט,
און ס׳נעמט זיך בענקען צו דער ערשטער זײַט.

דאָרט איז געווען דער אָנהייב פון דער וועלט,
און אומבאַוווּסט איז נאָך געווען דער העלד.

זײַן ליבשאַפט איז געווען נאָך אומבאַקאַנט,
ער האָט געוווינט אין זײַן געבוירן־לאַנד.

זײַן מוטער איז געווען אַ יונגע פרוי,
צום פרילינג האָט ער נאָך געהאַט פאַרטרוי.

געזונגען האָט זיך אָן אַ שום פאַרוואָס,
און אַנדערש גרין געווען איז נאָך דאָס גראָז. — — —

דו האַלטסט שוין ווײַט, אוי שרעקלעך־שרעקלעך ווײַט,
און ס׳נעמט זיך בענקען צו דער ערשטער זײַט.

נאָר אויסגעפליקט דאָס בוך איז בלאַט נאָך בלאַט,
פונקט ווי אַ טאָפּאָל אינעם חודש שבט.

דער אָנהייב אויסגעמעקט איז, ווי אַ שלאָף,
און דו דערנענטערסט זיך צום סאַמע סוף —

צום לעצטן קורצן זײַטל פון דער שרעק —
באַלד מאַכט זיך צו דער האַרטער טאָוול־דעק.

*

איך קען זיך נישט: איך זע זיך אין אַנפֿאַס,
נאָר אויף מײַן צווייטער זײַט — איך וויל נישט קוקן.
איך זע בלויז, אַז דאָס פּנים ווערט מיר בלאַס,
נאָר נישט — אַז אײַנגעבויגן ווערט מײַן רוקן.

נאָר דו האָסט מיך דערקענט אין מײַן פּראָפיל,
און הינטער מיר האָסט דו געזען מײַן שאַרבן.
נאָר דו ווייסט פֿון מײַן טראָט — אַז אין דער שטיל,
אָן אויפֿהער, איך דערנענטער זיך צום שטאַרבן.

אָ, האַלט מיך אײַן! מיט דײַנע שמאָלע הענט
מײַן אײַנגעשפּאַרטן גאַנג שטעל זיך אַנטקעגן.
און זאָג נישט אויס, און בלײַבן נישט דערקענט
וועל איך פֿון טויט, ווען ער וועט אויף מיר פֿרעגן.

דרײַ

װוּ איז דאָס מײדל אינעם רויטן קלײד?
פֿאַרװיאַנעט האָבן אירע שײנע רײד,
דאָס הײסע מויל געװאָרן איז פֿאַרבברענט,
און אויסגעטריקנט האָבן אירע הענט.

װוּ איז דאָס מײדל אינעם בלאָען קלײד?
נישטאָ אין אירע אויגן מער די פֿרײד.
זי פֿאַרבט זיך איצטער אָפּ אויף בלאָנד די האָר,
און װײסט, אַז נאָר איר גראָקײט איז די װאָר.

װוּ איז דאָס מײדל אינעם גרינעם קלײד?
זי איז מיט יעדער האָפֿענונג געשײדט.
עס העלפֿט איר אויך אַפֿילו נישט קײן טרער,
און זי דערמאָנט מײַן נאָמען שוין נישט מער.

איך טרעף איצט אָפֿט די פֿרוי אין שװאַרצן קלײד.
איך קוק זי אָן, איך פֿאָרש, און זי פֿאַרשטײט,
און גײט מיך שטיל און טרויעריק פֿאַרבײַ —
און כ'װײס נישט װער זי איז פֿון יענע דרײַ.

*

און וואָס וועט ווערן מיט די טויזנט טעמען,
און וואָס וועט ווערן מיט די טויזנט טײַטשן,
ווען אויסגעשפּילטע וועלן זײַן די גראַמען,
און אַלע יונגע פֿאַרגעניגנס — ווײַט שוין?

און וואָס וועט זײַן מיט אַלע די ניגונים,
די אָנגעטוענע אויף מײַנע ווערטער,
ווען פֿון מײַן האַרץ, ווי פֿון אַ טיפֿן ברונעם,
זיי וועלן ווידערקולן, ווי פֿאַרקערטע?

און וואָס וועט זײַן מיט דײַנע שיינע אויגן,
וואָס וועלן מער נישט שמייכלען און נישט וויינען,
ווען איך וועל האָבן זאָט זיך אָנגעזויגן
מיט אַלע דײַנע ליבשאַפֿטן און חנען?

*

צו יעדן ווינט בין איך וואַך.
איך זאַפּ אײַן דאָס לעבן
מיט אַלע רמ״ח.
מײַן גוף איז אַ ווונדער-געשיר
אויף נעמען און געבן,
און צו ביידן
בין איך פול מיט גיר.

אויף אַלטע בית-עולמס אין טאָל
האָט מען הונדערטער מאָל
געפונען מײַן לײדיקן שאַרבן,
פאַרגאָסן אים ווידער מיט שמייכל,
און ווידער באַפוילן צו שטאַרבן.

צו וואָס איז די שרעק פאַרן טויט,
פאַר דער שטומקייט פון שטיין —
אַז צום גרונט פון פאַרשטיין
זאָל נישט נעמען קיין עק?

צו וואָס איז די שרעק?

דאָס אַנטלויפֿן

די אַלטע אומדערבאַרעמדיקע ערד —
נישט דורכצובויערן די האַרטע פּלאַסטן.
נאָך איר פֿאַרשלינגען מיך, וועט זײַן פֿאַרוועדט
אַרויסצוגיין מיר פֿון דעם שוואַרצן קאַסטן.

באַהאַלטן וועל איך ליגן, ווי די שרעק,
איך זאָל נישט קיינעם שטערן אינעם זינגען.
פֿאַרמאַכט וועט בלײַבן איבער מיר דער דעק,
ווען קינדערישע פֿיסלעך וועלן שפּרינגען.

דאָס וועט נישט זײַן קיין רו, און נישט קיין שלאָף —
דער שטורעם אין דער הייך וועט מיך נישט אַרן,
און ס׳וועט נישט דראָען מיך שוין קיין שום שטראָף,
און כ׳וועל נישט דאַרפֿן לויפֿן פֿון געפֿאַרן.

נאָר איין מאָל, אין אַ ווינטערדיקער נאַכט,
די ערד וועט ווערן דורכגעווייקט פֿון רעגן,
וועט אויך מײַן קאַסטן ווערן אויפֿגעמאַכט,
און אויף מײַן נאָמען וועט מען ווידער פֿרעגן.

אַ גוטער בוים וועט עפֿענען דעם דעק
און מיט אַ נאַסן וואָרצל מיך דערגרייכן.
ער וועט מיך אויסטאָן פֿון דער טויטער שרעק,
און צום אַנטלויפֿן געבן מיר אַ צייכן.

צײַטיק

אָ גאָט, דײַן װעלט איז שױן אין גאַנצן צײַטיק,
און װי צום האָבן — איז זי אָנגעלאָדן,
און יעדער מײַן באַריר איז פֿילבאַדײַטיק
און קאָן איר, אָן מײַן װילן, ברענגען שאָדן.

און מײַנע פֿינגער זוכן די קלאַװישן —
אין אַלע װינקעלער אַרײַנצודרינגען.
איך הײב זיך אָן אין דײַן באַשאַף צו מישן,
װי נאָר איך עפֿן אױף דאָס מױל צום זינגען.

איך װײס, דו קאָנסט מײַן חוצפּה נישט פֿאַרלײַדן,
און אײפֿערזיכטיק היטסטו אָפּ דײַן שליטה.
איך װעל דײַן הארבן אורטײל נישט פֿאַרמײַדן
מיט אַלע מײַנע פֿאָרטלער די געניטע.

און דאָך, איך פּרוּװ! מיט מײַנע פּיצלעך אױגן
איך בונטעװע זיך, װי דער מענטש דער ערשטער.
אַ קאָפּיע פֿון מײַן גאָט אַראָפּגעצױגן —
איך װיל פֿון אים נישט בלײַבן אַ באַהערשטער.

פאַרלאָזטע היילן

אין אַלטע טעג, ווי אין פאַרלאָזטע היילן —
ווי נאָר איך הייב אָן וועגן זיי דערציילן.

אין זיי איז מער נישטאָ קיין שאַרף קיין מינדסטער.
מיט הענט צעשטרעקטע טאַפּ איך אין דער פינצטער.

איך שריי אין שרעק, און ס׳ענטפערט מיר נישט קיינער.
אין חושך פאָספאָרירן נאָר די ביינער.

צו וועמען האָבן זיי געהערט, צו וועמען?
איך הייב אָן צו דערמאָנען אַלע נעמען,

איך הייב אָן אַלע ליבסטע אויסצורופן —
כדי די טויטע ביינער צו באַגופן.

איך שריי אין שרעק, און ס׳ענטפערט מיר נישט קיינער.
איך בין דאָך אָן אַנטרונענער, און איינער.

באַלד וועל איך אויך באַדאַרפן דאָ זיך לייגן,
און ס׳וועט נישט זײַן מער, ווער עס זאָל פאַרבײַגיין.

און ס׳וועט נישט זײַן שוין, ווער עס זאָל דערציילן —
פון אַלטע טעג, פון די פאַרלאָזטע היילן.

שטויב

אין נעפּל פונעם שטויב
קומט אָן דער קאַראַוואַן.
די קעמלען —
געלאָדענע מיט רויב,
און מיט אַ שווערן שפּאַן.
די בעדויִנער דרעמלען.
נאָר איינער טוט אַ הויב,
און זעצט מיך אויפן ווינט,
און הייסט מיך ווערן שטויב.

דער קאַראַוואַן פאַרשווינדט.

ווער האָט מיך גערופן?

יונגער גרין

א

דײַן קערפּער לײַכט, ווי יונגער גרין,
וואָס וואַקסט, און ווייסט נאָך נישט וווּהין.

דער ריטעם פון דײַן יעדן גליד
געזועצלעך איז, ווי אין אַ ליד.

די ליניע פון דײַן מיידל־האַנט
באַגרייפן קאָן בלויז גאָטס פאַרשטאַנד.

און גאָט אַליין — ער טוט דיך אויס,
ווען דו בלײַבסט איינינקע אין הויז.

ער שטעלט דיך קעגן שפּיגל הויל
און קוועלט, ווי אין בראשית: וווּיל!

ער זעט, ווי שיין דו ביסט געבויט —
און וואַרפט אַ שאָטן אויף דײַן הויט.

ער לאָזט דיך איבער אין פאַרנאַכט.
אַ ווילדער פויגל פײַפט און לאַכט.

אויף פעלדער פאַלט דער אָוונט־טוי,
און דיר ווערט קאַלט — דו ווערסט אַ פרוי.

ב

א ווילדער פויגל פּײַפט און לאַכט —
אין דרויסן איז שוין מוטער־נאַכט.

ווער האָט פון שלאָף דיך אויפגעוועקט?
ווער איז געווען — און אויפגעדעקט?

אין פענצטער פאַלט אַ פּאַסמע שײַן —
בלויז די לבנה קוקט אַרײַן.

און דו, דו שעמסט זיך נישט פאַר איר —
דײַן קערפּער טוט זיך נישט קיין ריר.

דײַן מויל ווערט דורשטיק און פאַרשמאַכט,
און שמייכלט שטיל און מיט פאַרדאַכט.

די אַקסלען ווערן אויסגעשניצט —
דײַן שיינקייט איז שוין נישט באַשיצט.

און ווער ס׳וועט עפענען די טיר,
וועט קומען אָן אַ וואָרט צו דיר.

און דו וועסט זײַן אין גאַנצן גרייט —
צו וויינען פון דײַן ערשטער פרייד.

ג

דו וואָלסט פאַר מיר זיך נישט געשעמט,
אַרויסצוגיין פון איינעם העמד,

און וואַרטן אויף מײַן ווילדן שפּרונג —
מײַן גאָט, ווען כ׳וואָלט געווען נאָך יונג!

איך וואָלט מיט פײַערדיקע הענט
דײַן גאַרע מיידלשאַפט פאַרברענט,

דײַן בלענדנדיקע הויט פאַרצערט —
און דו, דו וואָלסט זיך נישט געווערט.

איך רעד זיך אײַן אַ פאַלשע טרייסט,
און וואָס איך רעד זיך אײַן — דו ווייסט:

אַז דו, מיט דײַנע בלאָנדע האָר,
ביסט איצט די צווייטע אויף דער וואָר,

און אויך אַ דריטע וועט נאָך זײַן,
ווען דיך וועט היפּערן די שײַן,

און דו וועסט אויך שוין ווערן אַלט —
באַהאַלט דײַן נאַקעטקייט, באַהאַלט.

ד

ווי אַנדערש איז דײַן אָנטאָן און דײַן טראַכט,
דײַן אומרו און דײַן וואַנדערן בײַ נאַכט!

און נישט קיין שוואַרצע זענען דײַנע האָר,
נאָר בלאָנדע — פֿון די לעצטע טויזנט יאָר.

דו ביסט שוין נישט שולמית פֿון געזאַנג —
דײַן נאָמען האָסט געביטן שוין פֿון לאַנג:

אויף יענעם וועג — דורך רוים און דורך ספּאַראַד,
דורך אינקוויזיציע-קעלערס און דורך שמד,

דורך פּעסט-בלבולים און עלילת-דם,
דורך געטאָ-ווענט און קרעמאַטאָריע-פֿלאַם,

דורך גרינע וועלדער, און דורך שניי און פֿראָסט —
און דאָס האָט דיך דײַן שוואַרצן חן געקאָסט.

איצט שײַלט די זון פֿון דיר די הויטן אָפּ,
דער ווינט נעמט דורך די בלאָנדקייט פֿון דײַן קאָפּ.

דו גייסט צוריק אַרײַן אין אַלטן ליד —
בײַם ריח פֿונעם מאַנדלבוים וואָס בליט.

ווער האָט מיך גערופן?

איך האָב זיך אומגעקוקט:
ווער האָט מיך גערופן?
אפשר דער ווינט
(ער קען מיך ביים נאָמען),
און אפשר אַ מענטש,
וואָס האָט מיך פאַרביטן
(דאָס טרעפט זיך מסתמא) —
מיט וועמען האָב איך זיך געמיטן?

אַז דאָס ביסט דו —
האָב איך זיך גאָרנישט גערעכט.
און כאָטש דו האָסט נישט מיך געמיינט,
איז דײַן פּנים געווען פאַרגאָסן מיט ליכט.
דו ביסט געווען אי דער ווינט,
אי די, וואָס האָט מיך פאַרביטן.
דו האָסט געשמייכלט.
פון דעם שמייכל וועט ווערן געבוירן אַ קינד.

שמייכל

דאָס הויז געווען איז שפּאָגל נײַ און ריין,
דאָס קינד פֿון קעגנאיבער — פּיצל קליין.

חוץ „מאַמע״ האָט עס רעדן נישט געקענט —
און זי האָט עס געטראָגן אויף די הענט.

דאָס הויז געווען איז שפּאָגל נײַ און ריין,
די מאַמע איז געווען נאָך יונג און שיין.

זי האָט דערמאָנט מיך אין אַמאָליק גליק —
און כ׳האָב זיך אויסגעהיטן פֿאַר איר בליק.

דאָס הויז געווען איז שפּאָגל נײַ און ריין,
די יונגע מאַמע — גאַנצע טעג אַליין.

זי האָט געשפּילט זיך מיטן קליינעם קינד,
און פֿון איר שמייכל כ׳בין געוואָרן בלינד.

דאָס הויז געווען איז שפּאָגל נײַ און ריין.
איך זאָג נישט, אַז איך בין געווען איר מיין.

און איצט, ווען אַלט און געל איז שוין דאָס הויז,
זי שמייכלט נאָך אַזוי, און זאָגט נישט אויס.

*

מיט מײַנע הענט
אַנטהיל איך דיך פֿאַרן פֿאַרגאַנג.
אין יעדן קנייטש פֿון דײַן פּנים
איז שולדיק מײַן פֿאַרלאַנג.
איך האָב געמיינט,
אַז איך שניץ דײַן לײַב
מיט מײַנע הענט,
וואָס טוען דיר וויי —
און דו האָסט געוויינט.

אין אומבאַקאַנטן לאַנד

איך וועל דיך נעמען פאַר דער שמאָלער האַנט,
און גיין מיט דיר אין אומבאַקאַנטן לאַנד,
ווו קיינער וייסט אונדז נישט, ווו אַלץ איז פרעמד,
ווו אונדזער נאָמען האָט נאָך נישט געשמט.
מיר וועלן ווידער ווערן פראָסט און קליין,
ווען בלײַבן וועלן מיר מיט זיך אַליין.
דײַן הויט וועט פונעם וואַנדער ווערן ברוין,
און דעמאָלט וועל איך אָנטאָן דיר די קרוין,
וואָס דו האָסט אָנגעוווירן אין געדראַנג —
ווערסט זײַן די קעניגין פון מײַן געזאַנג.

איך קום צוריק

איך קום צוריק אין פופציק יאָר אַרום
מיט אויסגעוויינטע און פאַרפלעקטע אויגן.
דער הימל איז דערווײַל געוואָרן קרום,
דאָס געסל — אָפּגעלאָזט און אויסגעבויגן.

נאָר איך דערקען דאָ יעדן איינעם טראָט,
כאָטש מיך וועט קיינער מער שוין נישט דערקענען:
מײַן פּנים האָט די פרעמדקייט פון אַ סוד,
פון אײַנגעלאָשנקייט אין מיטן ברענען.

עס שטייט נאָך אויפן הויף דער סאָסנעבוים,
דער קלאָמב האָט נאָך די קײַלעכדיקע פאָרעם,
און אויפן שטעגל שלעפט זיך ווידער קוים
דאָס ווײַטע אייניקל פון שווארצן וואָרעם.

איך גיי אַרויף. דאָס איז די זעלבע טיר.
דער שליסל דאַרף דאָ זײַן דער סאַמע דינסטער.
אַזוי וועט זיך באַלד עפענען פאַר מיר
אַ זײַל פון ליכט אין מיטן פון דער פינצטער.

אין שטוב איז שטיל. די זון ליגט אויפן טיש
און פרעסט דאָס לעבן מיט דער אַלטער גבורה.
איך זעץ זיך. דאָס פּאַפּיר איז אַלץ נאָך פריש
און דורשטיק נאָך אַ ווײַטערדיקער שורה.

אינהאַלט

פון לעצטן דויער

מײַן װידערשפּעניקער קאָפּ . . . 7
קדיש 8
דײַן לעצטער דויער 9
די אַלטע יאָדלע 10
לא המתים 11
פון בונקער 12
אויפן פּראַגער בית־עולם . . . 13
אותיות פורחות 15

אַ נאַכט אין װענעציע

מײַן ברודער ישראל 16
גלאָקן 18
אויף אורלויב 19
אין יענע טעג 20
מיראַזשן 21
זײ צאָלן 22
דאָס װאַסער שטײַגט 23
זי װאַרט 24

אַ פענצטער

לויפנדיקער קרײַז 27
ליכט 28
פאַרהאַרטעװעט 29
* (איך בין געװען שוין יונג) . 30
אַ לויב צום שטן 31
בנשיקה 32
אַ שורה פון אַ ליד 33
כישוף 34
נישט פון װײַן 35
דער שטורעם איז נאָך גרייט . . 36
* (די אײביקייט װעט מיך צעטרעטן) 37
נאָך אַ זון 38
* (די גלײַכקייט פון גראָדן קװאַדראַט) 39
פשוט 40
אומענדלעך 41
װי אומעטיק 42
פון אַלע װעגן 43
קיינער װייסט נישט 44
* (די װערטער, װאָס איך האָב אַ
מאָל באַשאַפן) 45
פירער און תליון 46
דער אײנציקער פּאַנעט 47
* (דאָס גאַנצע לעבן 48
פיבער 49
* (גאָט, לאָז נישט איבער אַליין !) 50
מאַי קאָ משמע לן ? 51
אײַנגערעדט 52
דאָס בילד 53
אַ װאָרט 54
אַ פענצטער 55
איך שפּיל זיך 56
סתירות 57
חלומות 58
צו אַ מאָלער 59
* (און דעמאָלט, װען דער דרימל
מיך באַפאַלט) 60
נאַקעט 61
אַלע אָפגעגנוצטע װערטער . . . 62
* (איך װעל פאַרגעסן) 63
אַ װאָרענונג 64
פאַרדעק 65
* (און דאָס איז אויך) 66
אַ שװײַגנדיקער טאָג 67
קליינע תפילה 68
װאָס דאַרף איך 69
דער ניגון 70

די װערטער װעלן װידער װערן פול

ליב 71
דער קורצער װעג 72
צו װייניק און צו פיל 73
דער שװאַרצער מלאך 74
די ענגע צעל 75
יונגע פרײַנד 76
„אַמאָל" און „דאָרט" 77
דער פּראָסטער פויגל 78
געדענקסט ? 79
„צװישן פאַלנדיקע װענט" . . . 80

באַהאַלטן

אָדער 83
אָנגעזאָפּט 84
סוד 85

דער מאַנדלבוים בליט 86
נאַר מיך אָפּ 87
שוואַלבן 88
אין סאַמע פרילינג 89
* (די ביימער בליִען בלאָ) . . . 90
* (דער גערטנער האָט דאָס גראָז הײַנט אָפּגעשניטן) 91
פּרוכפּערנדיקער זומער 92
איך לויער שטיל 93
זומערדיקע בלעטער 94
וואַך 95
יחוס 96
מולדת 97
דער טרויער פאַרשווינדט . . . 98
באַהאַלטן 99
און ווידער דער האַרבסט . . . 100
פון דער אַנדערער זײַט . . . 101
פאַרבינד מיר די אויגן . . . 102
צום ערשטן מאָל 103
יוגנט 104
סמאָטשע־גאַס 105
אַ בריוו פון וואַווער 106
יענע טעג 107
דער זעלבער ווינט 108
* (אוי וויי, האָט ער מיך אָפּגענאַרט) 109
דעם טאַטנס ניגון 110
דעם טאַטנס ספר 111
מײַן מאַמעס פרייד 112
דער מאַמעס פאָטאָגראַפיע . . 113
אַ שליטן לויפט 114
אין חדר 115
* 120

פון די ים־לידער

אַראָפּגענומען האָט מען שוין דעם אַנקער 121
די שטילקייט וואָס זידט . . . 122
אומבאַקאַנט 123
ה. לייוויק 124
פרעמדע ברעגן 125
אַ טראָט אויף צוריק 126

צײַטיק

אין יענעם טאָג 133
* (דערלאַנג די האַנט) 134
אין וועג 135
ער 136
די אַלטע חברים 137
* (פון אַלע ווייטיקן אַ דורכגע־ העלטער) 138
* (און בײַטן וועט דער טאָג זיך מיט דער נאַכט) 139
געזעגענונג 140
* (אַנטלויפן דאָרט, וווּ מיך דער־ קענט נישט קיינער) 141
* (געפרעגט האָט זיך אַ פוילישער פאָעט) 142
די שרעק 143
דײַן לעצטער שמייכל 144
וזכרתי לך 145
* (איך גיי צו דיר) 146
קיין מאָל מער 147
* (און אויב דאָס ליד) 148
אויף אַלע אייביקייטן 149
דער שאָטן 150
נישט קיין טרייסטליד 151
צוריק 152
* (איך קען זיך נישט) 153
דרײַ 154
* (און וואָס וועט ווערן) . . . 155
* (צו יעדן ווינט) 156
דאָס אַנטלויפן 157
צײַטיק 158
פאַרלאָזטע היילן 159
שטויב 160

ווער האָט מיך גערופן?

יונגער גרין 163
ווער האָט מיך גערופן 167
שמייכל 168
* (מיט מײַנע הענט) 169
אין אומבאַקאַנטן לאַנד . . . 170
איך קום צוריק 171

ביכער פונעם זעלבן מחבר:

דורך שטאַכעטן, וואַרשע, 1932

אין אומרו פון טעג, וואַרשע, 1933

אויפן ווינט, וואַרשע, 1936

לידער, מינסק, 1940

די ערד האָט געציטערט, מאָסקווע, 1947

דער וועג אויף וואַרשע, מאָסקווע, 1948

דורך שאָטן און שיין, לאָדזש, 1948

אַ פרילינג אין פוילן, וואַרשע, 1950

היימערד, וואַרשע, 1951

אין אונדזער צייַט, וואַרשע, 1954

דער וועג אויף וואַרשע (צווייטע אויפלאַגע) וואַרשע, 1955

דאָס ערשטע ליד, וואַרשע, 1956

קלאָרקייט, וואַרשע, 1957

בייַם ראַנד, ירושלים, 1957

נייַע לידער, תל־אָביב, 1964